Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.
Najer Folksblat פרייז 30 גראשען

היינט 16 זייטען

נייער פאלקסבלאט

אונפארטייאישע פאליטיש - געזעלשאפטליכע טאג - צייטונג

Nr. 12/1307 | Łódź, Piątek 13 Stycznia 1928 r. | זעקסטער יאהרגאנג | לאדז, פרייטאג, כ טבת תרפ"ח | Nr. 12/1307

אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 71=24. | Adres redakcji i administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 2471.

וואהל=קאמיטעט צום סיים און סענאט

פון יודישען נאציאנאלען בלאק ביים בלאק פון די נאציאנאלע מינדערהייטען אין פוילען.

יודען! היט=אפ אייער וואהל=רעכט צום סיים און סענאט!

נאך 3 טעג!

היינט, מארגען און איבערמארגען קאנט איהר נאך קאנטראלירען אין די אבוואדאווע קאמיסיעס (אפען פון 4—10 אוו.) צי איהר, אייערע קרובים און בעקאנטע זענען אריינגעטראגען געווארען אין די וועהלער-רשימות. (דעם אדרעס פון דער אבוואדאווע קאמיסיעס איז אנגעגעבען אין צעטעל, וואס געפינט זיך אין טויער פון יעדען הויף).

פערנאכלעסיגט נישט אייער חוב. רעקלאמירט באלד אייער וואהל-רעכט! געדענקט, אז ווען איהר זענט נישט אריינגעטראגען אין די ליסטעס, וועט איהר נישט האבען קיין רעכט צו בעטייליגען זיך אין די וואהלען צום סיים! פערזוימט נישט! דער לעצטער טערמין איז זונטאג, דעם 15=טען ה. ח.

אינפארמאציעס ווערען ערטיילט: אין ציונ. ביורא צעגעלניאנא 4, „התאחדות" שענקעוויטש 3/5, „מזרחי" קילינסקי 44, „בית=יתומים" זגערזשער 40, „בני=ציון" רזשגאווסק 7.

צעירי - ישראל, לודז.

התחל־ת הספר!

מארגען, מוצש"ק, פ' שמות (דעם 14. יאנואר 1928), פינקטליך 6 אוונד קומט פאר אין גרויסען ענגלישען זאל (פאס.-שולץ 2)

ענגלישער זאל פאסאזש=שולץ 2

א גראנדיעזע התחלת הספר=פייערונג

אין וועלכע עס נעהמט אנטייל דער בעריהמ-טער קאנטאר ה' מיטעלבערג מיט א כאר, ווי אויך א גרויסער ארקעסטער אונטער לייטונג פון ה' י. טוביע וועלכע וועלען אויספיהרען צווישען אנדערע די נייעסטע מאדזשיצער ניגונים, ווי אויך אנדערע קאמפאזיציעס.

בעמערקונג: פאר פרויען ספעציעל רעזערווירטע פלעצער.

הורט בעקאנטמאכונג דעטייל

דערמיט האב איך דעם כבוד מיטצוטיילען דאס מיין לאנגיעהריג עגזיסטירענד געשעפט פון נאוואמיעסקא 17 וועט פון 15/I ד.י. אויף

פיעטרקאווער 28

איבערגעטראגען. מיין לאגער איז פערזעהען מיט דעם גרעסטען אויסוואהל פון זעמטליכע וואַרען ווי: ווידזעווער, זשיראדאווער, בר. צעצאוויצקי, קינדערמאן, אייזענבראהן א.ז.וו. מיט אכטונג

הורט י.ה. נאטאנזאהן פיעטר. 28 טעל. 16-31 דעטייל

זאל פילהארמאניע שבת, ד. 14 יאנואר 1928 זאל פילהארמאניע

גרויסער מאסקען=באל

לטובת דעם

לאדזער יודיש. פרויען=שוץ=פעראיין

פראכטפולע דעקאראציעס! — 2 ארקעסטערן! — דזשאדז=באנד! רייכער בופעט! — קאנדיטאריי! — מעסיגע פרייזען! — אנהייב 11 אוונד פערפליכטעט אוונד-קליידונג.

בילעטען צו בעקומען אין לאקאל פון פרויען-שוץ-פעראיין זשעלאנא 11, און אין טאג פון מאסקען-באל אין דער פילהארמאניע-קאסע

אכטונג, רעליגיעזע ארבייטער!

אלע ארבייטער, וועלכע זענען ענטזאגט געווארען פון דער ארבייט צוליב שבת ווערען געבעטען צו קומען שבת=צו=נאכט, דעם 14 יאנואר 8 אוונד אין לאקאל פון „פועלי אמוני ישראל, ווסכאדניא 66 פראנס, ערשטער שטאק אויף א קאנפערענץ וועגען דעם ענין.

437 די פערמיטלונגס=ביורא ביי „פועלי אמוני ישראל".

Dr. med.
H. Lajchter
קאנסטאנטינער 9.
רוג זאכאדניע טעל. 49-66
צאהן=כירורג
ספעצ. פון כירורגישע קראנק-הייטען ווי שטשענקעס, גומענס, רזשאנסלעס, צאהן פיסטולעס א.אז.וו. נעמט אן פון 1½—5 זונטאג און יום-טוב פון 10—12

פראפעס. ארבייטער=פעראיין פון פלייש-אינדוסטרי

אין לאדז, בזשעזשינער 5.

שבת, דעם 14-טען יאנואר 1928, 5 א זייגער נאכמיטאג קומט פאר אין אייגענעם לאקאל די יעהרליכע

אלגעמיינע פערזאמלונג

פון די מיטגלידער פון פעראיין מיט פאלגענדען טאג-ארדנונג:

1) ערעפנונג.
2) וואהלען פון א פרעזידיום צו דער פערזאמלונג,
3) בעריכט פון דער פערוואלטונג,
4) " " רעוויזיאנס-קאמיסיע,
5) בודזשעט אויפ'ן יאהר 1928,
6) ווייטערדיגע טעטיגקייט,
7) אונזער שטעלונג צו די סיים-וואהלען,
8) פרייע פארשלאגען,
9) וואהלען פון א פערוואלטונג און רעוויזיאנס-קאמיסיע.

חברים קומט פינקטליך 416

די פערוואלטונג.

צענטראלער קליינהענדלער-פערבאנד, זאוואדזקא 5.

זונטאג, דעם 15-טען יאנואר ה. י. קומט פאר די יעהרליכע

אלגעמיינע פערזאמלונג

פון צענטר. קליינהענדלער=פערבאנד צום ערשטען טערמין 5 נאכמ. און צום צווייטען טערמין 6 אין אוונד ביי יעדע צאהל אנטיילנעהמער מיט פאלגענדער טאג-ארדנונג: 1) ערעפנונג, 2) וואהלען פון א פארזיצענדען, 3) טעטיגקייטס-בעריכט, 4) קאסע-בעריכט, 5) וואהלען פון א נייער פערוואלטונג און 6) פערשידענעס.

אלע מיטגלידער ווערען געבעטען ארויסצונעהמען איינטריטס-קארטען, כדי צו קאנען בייוואוינען די פערזאמלונג.

456 די ארגאניזיר=ראמיסיע.

Dr. med.
STUPEL
Szkolna 12
ספעציאליסט פאר הויט, האר- און ווענערישע קראנקהייטען, טענער-שוואכע, רענטגען-באטראכטונג און קווארץ-ליכט, עלעקטרא-טעראפיע.
יעדען טאג פון 12—3 נאכמ. און פון 6—9 אין אוונד.
לעטשניצע פרייזען.

אכטונג, טאפעציר = מייסטער!

דער טאפעציר=מייסטער=פעראיין אין לאדז פאדערט אויף אלע מיטגל. אויף

א וויכטיגע פערזאמלונג

וועלכע קומט פאר זונטאג, דעם 15 יאנואר 4 א זייגער נאכמיטאג אין לאקאל פון צענטר. האנדוו.=פערבאנד פאלודניאווא 4. דירעקטאר פון האנדווערקער-באנק ה' ארדינאנס וועט רעפערירען וועגען צעך אין קאאפעראציע=פראגען.

קיין איינער טאר נישט פעהלען, ווייל עס האנדעלט זיך אין אייערע אייגענע אינטערעסען.

443 די פערוואלטונג.

Lekarz-Dent.
ZOFJA
Bielakowska
Kilińskiego 113
(Nawrot 41, tel. 48-27)
פון 10—1½ און פון 4—7 אוו.
רעסעקציעס, רעפלאנטאציעס, היילונג פון דזשאנסלעס, ציינער א. אז. וו.
די ווינדע איז מעסיג.

יודישער געפליגעל - הענדלער-פעראיין אין לאדז

פאמארסקא 17.

זונטאג, דעם 15-טען יאנואר ה. י. 5 א זייגער נאכמיטאג קומט פאר אין אייגענעם לאקאל די פארטזעצונג פון דער

גענעראל=פערזאמלונג

— מיט פאלגענדער טאג-ארדנונג: —

1) וואהלען פון א נייער פערוואלטונג און רעוויזיאנס-קאמיסיע.
2) אננעהמען א שטעלונג צו די סיים-וואהלען.

אלע חברים ווערען געבעטען פינקטליך צו קומען צו דער פערזאמלונג.

457 מיט אכטונג די פערוואלטונג.

קינא
ביים קאאפעראטיוו פון מלוכה קאמונאלע און געזעלשאפט-ליכע בעאמטע
40 שיענקעוויטשא 40
אנהויב אין געוו. טעג 3,30 נ.מ. לעצטער 9.30 שבת, זונטאג און יום-טוב 2 30 נאכמיטאג. אויפ'ן 1-טען סעאנס–קלענערע פרייזען.

פון דינסטאג, דעם 10-טען יאנואר ביז מאנטאג איינשליסליך
גרויסער פראכטפולער פראגראם!
„באלעטניצע"
– אין די – הויפטראלען: June Marlowe דער ליבלינג פון פרויען George Lewis ווי אויך דער בעריהמטער כאראקטער - שוישפילער Jean Hersholt
אנאנס! קירצליך דער גרויסער פילם-שלאגער „MARSYLJANKA"
פערגרעסערטער ארקעסטער!

מאמא! אנשטענדיגע יונגעלייט ווערען געווא-רען פאר די נעץ פון אונמאראלישע באלעט-ניצעס. יעצט זעהען מיר, אז אויך באלעטניצעס דארפען זיך היטען פאר אנשטענדיגע יונגעלייט.
דראמע פון א לייכטזיניגען ליבהאבער פון א שטיפערישער באלעטניצע אין 10 אקטען.

„פועלי-ציון"-מאביליזאציע
פילהארמאניע-זאל, נארוטאוויטשא 20.
מארגען, שבת, 14. יאנואר ד. י., פינקטליך 10 א זייגער פריה קומט פאר
א פייערליכער צוזאמענטרעף
פון אלע חברים און פריינד פון „פועלי-ציון".
אין פראגראם:
1. ערעפנונג פון דער פייערונג.
2. אויפטריט פון ארב.-כאר אונטער דער לייטונג פון ה' צעסוואן.
3. פראקלאמירונג פון דער וואהל-קאמפאניע. 371
4. פערעפענטליכונג פון ארבייטס-פלאן.
5. קאנצערט-טייל–אויסגעפיהרט דורך א קווארטעט פון סימפאנישען ארקעסטער.
6. פייערליכע שליסונג.
ס'וועלען ארויסטרעטען: זרבבל (ווארשע), ראטמאן האלענדערסקי, קהלה-ראטמאן עדעלמאן, וויצע-פארזיצער פון שטאט-ראט ד"ר שיפמאן, ראטמאן שאפירא, ח. בראנד, אביגדור און אנד.
אלע חברים און פריינד פערזאמלען זיך שבת-פריה אין פילהארמאניע-זאל.
יוד. ארב.-וואהל-קאמיטעט „פועלי-ציון".
בעמ.: חברים, וואס וועלען זיך נישט בעזארגען פון פריהער מיט א ספעציעל געדרוקטען בילעט, וועלען נישט ארייגעלאזט ווערען אויפ'ן צוזאמענטרעף.
געדרוקטע בילעטען קען מען בעקומען אין הויפט-וואהל-ביורא, פיראמאוויטש 14.
15 מינוט נאך דער אנגעוויזענער צייט, וועלען די טירען געשלאסען ווערען.

צו דער פערלאבונג פון מיין טאכטער
בילה מירל דיזענהויז
מיט ה' משה וואלף
ווינשען מיר עלטערן, שוועסטער און ברידער א גליקליכע צוקונפט
פאמיליע דיזענהויז. 60ל

Z okazji zaślubin ulubionej koleżanki mojej
p. FELI BYNCZKOWSKIEJ
z p. MAKSEM BERGIEREM
życzę na nowej drodze życia świetnej przyszłości i wiecznego zadowolenia 401
C. Zonenberzanka.

Z intencji zaręczyn p.
LOLI CWANG Aleksandrow
z p. JAKÓBEM HOLCMANEM
życzą wiele szczęścia i różowej przyszłości
Natan Holcman z narzeczoną,
Bela Szliwkowiczówna
396 i Dudek Szliwkowicz.

צו דער חתונה פון אונזער ליבע שוועסטער און שוועגערן 438
פרל. לאה רייך
מיט ה' הערשל בערגמאן
ווינשען מיר זיי פיל גליק און צופרידענהייט
ברודער, שוועסטער און שוועגערן.

צו דער פערלאבונג פון אונזער וו' מיטארבייטערין
פרל. געניא ווידאווסקא
מיט ה' קלמן ווײנריב
גראטולירען הערצליך און ווינשען פיל גליק
דאס פערסאנאל 435
פון דער פירמע יוסף רזשעזשינסקי.

צו דער חתונה פון אונזער ליבען ברודער
אברהם מארכעווקא
מיט פרל.
בעלא אייזיקאוויטש
ווינשען מיר זיי א הערצליכען מזל-טוב און א גליקליכעס צוזאמען-לעבען.
ברידער און שוועסטער מארכעווקא.

מזל טוב
ווינשען מיר אונזער וויצע-פרעזעס הערן נתן מענדזשיצקי און פרוי צו דער חתונה פון זייער יונגסטע טאכטער 422
שרה לאה מיט ה' אשר שטערן
די פערוואלטונג פון בלעכער-מייסטער-פעראיין אין לאדז.

א הערצליכען מזל טוב
ווינשען מיר ה' נ. מענדזשיצקי און פרוי צו דער חתונה פון זייער טאכטער
שרה לאה מיט ה' אשר שטערן
דעם יונגען פאר ווינשען מיר א גליקליכע צוקונפט
408 אהרן גאלדקראניץ און פרוי.

צו דער פערלאבונג פון ה'
מרדכי גאלדבערג
מיטאינהאבער פון פירמא א. און ב. גאלדבערג
מיט פרל. פאלא אלשטיין
ווינשען א הערצליכען מזל טוב
דאס פערסאנאל
מ. רעדער, י. ברזשאזעק, ש. ברזשאזעק, ל. לעווקאוויטש, מ. בזשוסטאווסקי, ל. גאטהעלף און מ. קעמפינסקי. 425

צו דער פערלאבונג פון ה'
מרדכי גאלדבערג לאדז
מיטאינהאבער פון דער פירמא א. און ב. גאלד-בערג, אגראדאווע 1
מיט פרל. פאלא אלשטיין לאדז
גראטולירט הערצליך און ווינשט דויערהאפטיגעס גליק
430 משה אלאמצקא און פרוי.

ווארנונג!
צו דער אויפמערקזאמקייט פון די ג' ה"ה דאקטוירים און פובליקום
עס האבען זיך בעוויזען אין פערקויף אהנווערטיגע פאלסיפיקאטען פון
דורכגעריינינגטער שאקאלאדע
Drastin Lubelski
„דראסטין-לובעלסקי".
ס'ווערט אויפמערקזאם געמאכט, אז יעדעס שטיקעל פון דער אריגינעלער דורכ-געריינינגטער שאקאלאדע האט דעם אויפשריפט „DRASTIN LUBELSKI"
דער איינציגער פראדוצענט:
Aptekarz **J. Lubelski,** Warszawa, **Długa 16,** tel. 109-55

צום ווינטער-סעזאן
עמפפעהלט
קאנסטאנטינאפאלער
כאלווע
בעקאנט פון זייער געשמאק און פאר מלחמה-קוואליטעט, ווי אויך
RACHAT-ŁOKUM
986 און אנדערע זיסקייטען.
Z ANGIELEWICZ, Narutowicza 8.

אויף בעקוועמע בעדינגונגען
עמפפעהלט מעטאל-בעטען, שפאציר-וועגעלעך, גע-בעטע און דראט-מאטראצען אויך צו מעבעל-בעטען לויט מאס

„Patent" וואש-טישען ווי אויך ראוועריען ווערט אמביליגס-טען געקויפט אין פאבריקס-לאגער „DOBROPOL"
Łódź Piotrk. 73, w podwórzu.

יודישער פראפ. מאגאזין-שניידער-פעראיין אלעע 1. מאי 2
זונטאג, ד. 16. ה. ח. 8 א זייגער אוועגד קומט פאר א
וויכטיגע פערזאמלונג
פון דאמען-מאגאזין-פאך. חברים פון דאמען-פאך! איהר ווערט אויפגעפאדערט צוזויסען צוגעבען איינער דעם אנדערן כדי דאס גאנצע פאך זאל זיין פערטרעטען. קיין בעזונדערע איינלאדונגען וועלען נישט ארויסגעשיקט ווערען.
גלייכצייטיג מעלדען מיר, אז פון אונזער סעקציע זענען אויסגעשלאסען געווארען פאלגענדע מיטגלידער: טערקעלטויב, גראסמאן, וואלף נאלדענבערג, גרשון אפישער בלאדע, אברהם לעבעלאמ, ק. נייבערגער, הערשעל נאוואק, אברהם צאדעקעוויטש, אברהם ווינטער, לאנגא, גלאניק און משה ראזענגארטען. מיר ערקלערען דאס מיר נעמען אראפ יעדע פעראנטווארטליכקייט פאר זיי.
פאך-קאמיסיע פון דאמען-מאגאזין. 80ל

ענטשולדיגונג
בעט איך ביי דער קאלדרע-סעקציע פאר מיין נישט טאקטישע האנדלונג און פערזיכער, אז אזעלכעס וועט שוין נישט פארקומען. מיט אכטונג אברהם בארנשטיין
מיטגליד פון קאלדרע-סעקציע ביים שניידער-מייסטער-פעראיין.

דערמיט מאך איך בעקאנט די געעהרטע קונדשאפט, אז איך האב ערעפענט אן ערשטקלאסיגע
פריזיער-אנשטאלט
אויף צעגעלניאנא 6, אין הויף, פארטער.
פרייז-קוראנט: ראזירען מיט קאלאנסקע 30 גר., שערען 70 גר., קאפ-וואשען 50 גר. עלעקטרישער מאסאזש 50 גר.
מיט אכטונג מ. ניימאן. 407

דעם טיפסטען בילייד דריקען מיר אויס אונזער חבר און פריינד שמחה מינככי צוליב'ן פריהצייטיגען טויט פון זיין פאטער
תנחום
נ. ע.
י. יוסטין-קאלמוס, געניא בלאושטיין, משה יוזעפאוויטש און מאקס בארנשטיין. 447

יור. י. אינפעלד
42. נוסבאדניא 42.

די טעג איז פארגעקומען די ערעפנונג אין לאדז פון דער
ערשטער פוילישער
מענאזשעריע
הויפט-איינגאנג זאכאדניא 2–6 געגענאיבער וואיעוואודזטווא, ווי אויך פון דער אגראדאווא גאס 9, אין דער געביידע פון קייליכס ברויעריי.
די מענאזשעריע בעשטעהט פון
60 זעלטענע ווילדע לעבעדיגע חיות
די מענאזשעריע איז אפען טעגליך פון 10 פריה ביז 10 אין אוונד. 986
אכטונג: עס ווערט אנגענומען הינט פון פערשידענע ראסען צו דרעסירען.

ביחד עם כל הצבור הציוני בפולניה הננו מבכים את האבדה הגדולה במות הציוני המצוין ורב הפעלים, סגן הנשיא של הועד המרכזי להסתדרות הציונית בפולניה 742
ד"ר נח דודסון ז"ל
ועד ההסתדרות הציונית בלודז,
ועד „קרן היסוד" בלודז,
הועדה של „קרן הקימת לישראל",
המשרד הא"י.

אין די נאהענטסטע טעג ווערט געעפענט די
לייה-ביבליאטעק א. אייזענשלאס
אויפ'ן נאמען פון
וועגען אבאנירען קען מען זיך אינפארמירען אין לאקאל פון דער ביבליא-טעק, פאלודניאווא 11, לינקע אפיצינע פון 5 ביז 9 א זייגער אין אוונט.

אויסל. פעסער זאלען ביליגער ווערען
וויצע-פרעמיער בארטעל פערנעמט זיך מיט דער פראגע

ווארשא, 12 (טעלעפאניש) ווי מיר ווערען אינפארמירט, איז דאס האנדעלס-מיניסטעריום מסכים מיט דער מיינונג פון מיניסטער סקלאדקאווסקי, אז די אויסלענדישע פעסער דארפען אונבעדינגט ביליגער ווערען און ארבייט אויס איצט א פעראָרדנונג, וועלכע איז נוגע אייניגע הנחות פאר די אזוי-גערופענע סוחר'ישע פעסער.

פון קאמפעטענטע קרייזען ווערען מיר געוואהר, אז גאר אינגיכען קאן מען ערווארטען א ראדיקאלע ווענדונג אין דער גאנצער פראגע פון די פעסער. צוליב פאליטישע און אלגעמיין-מלוכה'שע טעמים, וועלכע בינדען זיך צונויף מיט די וואהלען, זאל די רעגירונג האבען בעשלאסען ביליגער צו מאכען די פעסער. דאס זאל געשעהען אין פערלויף פון די נאהענטסטע צוויי וואכען.

פון די זעלבע קרייזען אינפארמירט מען, אז מיט דעם ענין פעסער האט זיך גאנץ שטארק און ערנסט פעראינטערעסירט דער וויצע-פרעמיער בארטעל.

ארעסטירט א געפעהרליכען פרויען-הענדלער.

ווארשע, (טעלעפאניש) מיט א צייט צוריק האט די זיטען-פאליציי דערהאלטען ידיעות, אז קיין ווארשע איז ארויפגעקומען פון מעקסיקע דער בעקאנטער פרויען-הענדלער יצחק וואגמאן, וועלכער איז אגב געווען פערציי-כענט אין ווארשאווער קרימינאל-אלבאם פאר פערשידענע אנדערע „שטיקלעך ארבייט".

וואגמאן איז אראבגעקומען קיין ווארשא מיט זיין פרוי און איז איינגעשטא-נען אין א וואוינונג אויף טאווארא 6.

נאך אנ'אבסערוואציע האט מען פעסטגעשטעלט, אז וואגמאן פיהרט אונטערהאנדלונגען אויף א טראנזאקציע מיט א גרויסען טראנספארט „לעבעדיגע סחורה".

אין צוזאמענהאנג דערמיט איז פאליי צייט געקומען צו וואגמאנען אין דער וואוינונג, וואו עס איז דורכגעפיהרט געווארען א רעוויזיע.

בעת דער רעוויזיע איז ענטדעקט געווארען א קאמפראמיטירענדע קא-רעספאנדענץ מיט בעריכטען וועגען די „טראנזאקציעס", דערביי האט מען אויך געפינען א בריף פון בעקאנטען אינ-טערנאציאנאלען פרויען-הענדלער אין בארצעלאנא, אברהם מאגנוט, וועלכער האט זיך אין בריף געווענדעט צו וואג-מאנען מיט א בעשטעלונג אויף 6 [illegible].

וואגמאן איז ארעסטירט געווארען און, לויט דער פעראָרדנונג פון אויס-פארשונגס-ריכטער, האט מען איהם איינ-געזעצט אין „פאוויאק".

באנקעט לכבוד די יודישע קהלות אין א"י.

ירושלים, 12. (יט"א טעלעגראפיש) דא איז פארגעקומען א פייערלי-כער באנקעט לכבוד דער פערעפענטלי-כונג פון נייעם קהלות-סטאטוט. עס האט גערעדט א פערטרעטער פון דער א"י-רעגירונג, דער וויצע-בירגערמייסטער פון ירושלים, דער פרעזעס פון ועד הלאומי, קאלאנעל קיש א.א.

דער פרייסישער פרעמיער גראטולירט אנ'אלט יודיש פארפאלק.

בערלין, (י,ט.א.) דער פרייסישער פרעמיער-מיניסטער האט צוגעשיקט א גראטולאציע-בריף און אנ'עהרען-געשאנק דעם יודישען פארפאלק דוד און חנה אדלער אין צוזאמענהאנג מיט זייער 65-יעהריגען חתונה-יובילעי.

דאס אלטיטשקע פארפאלק וואוינט איצט אין יודישען מושב-זקנים-הויז אין בערלין און פיהלט זיך נאך גאנץ גוט פריש און מונטער. דוד אדלער איז אלט 89 יאהר און זיין פרוי 87 יאהר.

די טאכטער פון מאקס נארדוי אין סאלאניקי.

סאלאניקי, (י. ט. א.) פריילין מאקסא נארדוי, וועלכע וויילט איצט אין סאלאניקי האט דא געהאלטען פארלע-זונגען וועגען דעם לעבען פון איהר בע-ריהמטען פאטער דר. מאקס נארדוי.

די היגע פרעסע ווידמעט דער פרע-לעגענטין לענגערע לויב-ארטיקלען, וועלכע זענען גלייכצייטיג געווידמעט דעם אנדענקען פון איהר פאטער.

אפלעגען די יודיש-קאטעדרע
פאדערען ירושלים'ער פראפעסארען.

ירושלים. 12. (י. ט. א. טעלעגראפיש) דא איז פארגעקומען א מיטינג, איינגעאָרדענט דורכ'ן א"י קאמיטעט פון יודאיסטישען אינסטיטוט ביי דער ירושלים'ער אוניווערזיטעט מיט'ן אנטייל פון די ירושלים'ער פראפעסארען—מכות דער יודיש קאטעדרע ביי דער אוניווערזיטעט. ס'איז אנגענומען געווארען א רע-זאלוציע, וועלכע פאדערט די פראגע אפצולעגען ביז עס וועלען געגרינדעט ווערען די קאטעדרעס פון תנ"ך, יודישער געשיכטע און יודישע פילאזאפיע.

צוליב אנ-סקיס „דיבוק"
קאנפליקט צווישען צוויי אונגארישע טעאטערען

בודאפעשט, (י.ט.א.) צווישען מלוכה'שען אפערען-טעאטער און „נייעס טעאטער" איז געקומען צו א שטארקען קאנפליקט צוליב'ן רעכט דער ערשטער אויפצופיהרען אויף דער אונגארישער ביהנע אנ-סקיס „דבוק".ביידע טעא-טערען האבען גלייכצייטיג זיך צוגע-גרייט אויסצופיהרען דעם „דיבוק" און שוין געמאכט די נויטיגע פארבערייטונ-גען. דאס מלוכה'שע אפערן - טעאטער האט בעקומען די ערלויבניש אויפצו-פיהרען די פיעסע פון אנ-סקיס אלמנה און יורשים און טענה'ט דעריבער, אז דאס נייע טעאטער האט נישט קיין רעכט צו שפילען דעם „דיבוק". דאגע-גען די דירעקציע פון „נייעס טעאטער" שטעהט אויפ'ן שטאנדפונקט, אז אנ-סקי איז געווען א רוסישער בירגער און לויט'ן רוסישען געזעץ איז דאס אוי-טאר-רעכט פון „דיבוק" שוין לאנג אויס-געלאשען.

פערענדיגט די אויספארשונג פון מעשה-דימאנט
דער פערהער פון דריי חסידים אין אויספארשונגס-אמט.

ווארשא, 12. די פאליצייאישע אויספארשונג ארום דער ווילדער טאט פון משוגענעם דימאנד איז ענדליך פער-ענדיגט געווארען. ווי בעוואוסט, האט זיך דימאנד אין זיינע פלאפלערייען געהאט פעררופען אויף א רייה ראדזי-נער חסידים, אז זיי האבען כלומר'שט געוואוסט צוזאמען מיט'ן רבי'ן, וועגען דעם משוגענעם פלאן.

אויף דריי פון די חסידים האט די-מאנד געגעבען אנגעוויזען, דאס זענען: אברהם פושעט (קופיעצקא 8), זיסקינד הערמאן (גזשיבאווסקא 2) און שמואל גלאס (ווילטשא 29).

דעם פערגאנגענעם דינסטאג זענען די דערמאהנטע יודען ארויסגערופען געווא-רען אין דער פאליטישער פאליציי, וואו מען האט זיי פערהערט. ביי איינעם פון די עדות פלעגט דער ראדזינער רבי אמאל איינגשטעהן. צווישען דאזיגען עדות האט זיך פערבונדען מיט'ן קאמי-סאר פאלגענדען דיאלאג:

— צי קענט איהר גוט דעם רבי'ן און צי ווייסט איהר, מיט וואס אלץ ער פערנעהמט זיך?

בעקומענדיג א געהעריגען ענטפער, האט דער קאמיסאר ווייטער געשטעלט פראגען:

קאמיסאר: צי האט איהר געקענט נעהנטער דימאנד'ן?

עדות: איך האב איהם געקענט פון דערווייטענס, אבער איך האב מיט איהם קיין שום געשעפטען נישט געהאט און איך האב מיט איהם קיינמאל קיין ווארט נישט אויסגערעדט.

קאמיסאר: צי האלט איהר נישט, אז אנדערע חסידים האבען געקענט אנ-רעדען דימאנד'ן צו זיין טאט?

עדות: אנרעדען דימאנד'ן צו אזא ווילדען טאט, האט נאר געקאנט אזא משוגענער ווי ער.

מיט'ן פערהער פון די דערמאנטע 3 עדות איז די אויספארשונג פערענדיגט געווארען און די פאליציי איז ענדליך געקומען צום בעשלוס, אז צום ווילדען טאט פון משוגענעם דימאנד האט קיי-נער קיין שייכות נישט געהאט.

היינט וועלען די אקטען פון דער אויספארשונג איבערגעשיקט ווערען צום פראקוראר פון קרייז-געריכט און וואהר-שיינליך וועט שוין דימאנד ענדע וואך איבערגעשיקט ווערען ענדליך אין משו-געים-הויז.

אימפאזאנטע יודישע פרעסע-פייערונג אין ווארשא.
צום 25-יעהריגען יובל פון י. י. פראפוס.

אנ'אימפאזאנטע פייערונג פון דער יודישער פרעסע, איז דעם היינטיגען דינסטאג אויסגעפאלען אין ווארשא אין צוזאמענהאנג מיט'ן 25 יעהריגען ליטע-ראַרישען יובל פון פאעט און זשורנא-ליסט י. י. פראפוס.

פאר דער ברייטער עפענטליכקייט איז דער בעל-היובל בעקאנט אלס פא-עט. מיט 25 יאהר צוריק איז י. י. פראפוס אויפגעשווימען אין דער יונגער יודישער פאעזיע און אין משך פון א קורצער צייט זיך ערווארבען אנערקע-נונג און פאפולאריטעט און אזוי-ארום באלד אויך אריינגערעכענט געווארען צווישען די טאלאנטפולע יונגע דיכטער.

איז דאך דאן געווען די אויפבליה-צייט אין דער יודישער ליטעראטור, די יודישע פאעזיע, דאס יודישע ליד האט זיך ערשט גענומען אויספיקען, אויסשפראצען, פריהלינג - צייט געווען און דער יונגער בעגייסטערטער פראפוס זינגט דאן וועגען ליבע, וועגען שלעכ-טע מענשען, וואס זאגען, אז ליבע איז אנ'אויסגעטראכטע מעשה.

גלויב נישט, קינד, זיי! פרעג דעם הימעל,
פרעג די קליינע בלויע שטערען,
פרעג די בלומען, פרעג די גראזען —
א, זיי וועלען דיר דערצעהלען!

אין אלע צייט-שריפטען, לידער-זאמ-לונגען פון יענער צייט, געפינט מען פראפוס'עס שירים. גיט יעקב פיכמאן ארויס די „יודישע מוזע", די ערשטע זאמלונג פון די בעסטע יודישע לידער, פעהלען דארט נישט די צארטע לידער פון יונגען פאעט פראפוס; אין דער אנטאלאגיע פון דער יונגער יודישער דיכטונג, ארויסגעגעבען אין אמעריקא, פערנעהמט פראפוס אנ'אנגעזעהן ארט.

דער יונגער פאעט ווערט אבער מיט-געריסען מיט'ן נייעם שטראם, וואס האט א פלייץ געטון אין יודישען לע-בען — מיט דער ענטשטעהונג פון דער טעגליכער יודישער פרעסע אין רוסלאנד. מיט זיין גאנצען יוגענדליכען עקסטאז ווארפט ער זיך צו דער ארבייט אין פעטערבורגער „דער פריינד", באלד ווערט ער דער טאן-געבער אין רעדאק-ציע, סטיליזירט און פיילט די יודישע שפראך, אזוי אז אויב דער „פריינד" האט אין פעטערבורג שוין דאן גערעדט אויף א לייטישען יודיש, איז דאס גע-ווען פראפוס'עס פערדינסט. האט טאקע איצט אויפ'ן באנקעט לכבוד דעם יובי-לאר, דער פילאלאג נח פרילוצקי אפען ערקלערט, אז פראפוס קאן בעסער יו-דיש פאר איהם.

זינט דעם „פריינד", טרעט פראפוס שוין נישט ארויס פון דער ארבייט אין דער יודישער פרעסע, אין די לעצטע 14 יאהר איז ער רעדאקציע-סעקרעטאר אין ווארשאווער „מאמענט", יעדער מא-נוסקריפט געהט אדורך זיין זארגפעלטיג און פעדאנטיש אויג, זיין פיינפיהלענדען און עסטעטישען געשמאק.

אז אין „מאמענט" ווערען געהעריג אבגעשאצט פראפוס'עס פערדינסטען פאר דער צייטונג, האט מען געזעהען אויף דעם באנקעט, וואס זיינע חברים האבען לכבוד איהם איינגעאָרדענט דעם היינ-טיגען דינסטאג אין דעם שעהנעם רעס-טאראן „מעטראפאל" (טלאמאצקא 13). די טאסטען, וואס עס האבען געהאלטען די בעלי-הבתים פון „מאמענט": רעד. צבי פרילוצקי און ארויסגעבער פרושאנ-סקי, זענען געווען איין גרויסע לויב פאר דעם בעל-היובל.

אויפ'ן באנקעט איז געווען פערזא-מעלט די גאנצע ליטעראַרישע און זשור-נאליסטישע משפחה פון ווארשא. הגם פראפוס שטעהט בראש פון „מאמענט", האט מען אויפ'ן באנקעט געזעהן דעם רעדאקטאר פון „היינט" ה' גאלדבערג, און די „היינט"-מיטארבייטער: אייגהארן, יאושזאן, לאוניק ד ר ביכאווסקי, ד"ר גאטליב און לוסטיגער פעסימיסט. גע-ווען אויך רעפרעזענטירט דער ווארשא-ווער „עקספרעס" און „נאש פזשעגלאנד" זשורנאליסטען-פעראיין, זשורנאליסטען-סינדיקאט, יודישער פען-קלוב און יודי-שער ארטיסטען-פעראיין.

אין די טאסטען האבען אלע דער-מאנט דעם „פריינד" און פערבונדען פראפוס'עס יובל מיט'ן 25-יעהריגען יובל פון „פריינד", מען האט איבערגעגעבען זכרונות וועגען די ערשטע צייטען פון דער ערשטער יודישער צייטונג אין רוס-לאנד. בעזונדערס האט זיך אין דער הינ-זיכט אויסגעצייכענט ד"ר לייפונער, וועל-כער האט אויף א זעהר הומארפולען אופן דערצעהלט, ווי אזוי ער האט אנ-געהויבען מיטארבייטען אין פעטערבור-גער „פריינד" און וועגען רושם אין פע-טערבורג, ווען עס האט זיך בעוויזען אין דער אפענער גאס די יודישע שילד פון רעדאקציע „דער פריינד".

אזוי הערען זיך כסדר לויב-ווערטער אויפ'ן חשבון פון יובילאר'ס טעטיגקייט אין דער יודישער פרעסע. מ. י. פרייד איז דער טאאסט-מייסטער. די שטימונג איז א געהויבענע, א פרעהליכע, דער ארקעסטער שפילט פאלקס - מאטיווען, דער עולם זינגט פאלקסלידער. דער אר-טיסט זשאק לעווי דעקלאמירט איינס פון די בעסטע פראפוס'עס לידער. עולם לעהנט זיך אונטער די העיצער מיט די גוטע מאכלים און פערשידענע משקא'ת מען שיקט א בעגריסונג צום ערשטען רעדאקטאר פון „פריינד" ה' שאול גינס-בורג, מען לעזט פאר בעגריסונגען צום יובילאר פון פרץ הירשביין, ד"ר גרשון לעווין, זאגאראדזקי און אנד. טעלעגרא-פישע בעגריסונגען זענען אנגעקומען פון פיל ליטעראטען, זשורנאליסטען און פריינד.

ערשט 5 א זייגער פארטאג געהט זיך דער עולם פונאנדער.

אזוי האט די ווארשאווער יודישע לי-טעראַרישע און זשורנאליסטישע משפחה צוגעטיילט גרויס כבוד איינעם פון די געטרייעסטע דינער פון דער יודישער פרעסע, יודישע שפראך — דעם בעל-היובל י. י. פראפוס.

בן-חנוך.

„ארדט"
ארטיסטישער רעווי און קאמער-טעאטער
אונטער דער לייטונג פון
מ. בראדערזאן.

ווייסער זאל פון „מאנטיפעל" זאכאדניא 43.
היינט און טעגליך

היינט, פרייטאג און מארגען שבת, ווערט צוליב'ן סאקאלען-צוזא-מענפאהר, וואס קומט פאר אין די זאלען פון „ארדט", נישט געשפילט.
זונטאג – 2 פארשטעלונגען: פינקטליך 8 און 10 אין אווענד
פון גראנדיעזען 3-טען פראגראם:
נסים מן השמים
מוזיקאל. לייטער: ה. קאן. דעקאראציעס און קאסטיומען, ארט.-מאלערס: ד. מאטוס און בלום. רעזשי: מ. פולאווער. קאנפער.: קאזאנאווער
קאנצערט-מייסטער: בייגעלמאן.
בילעטען צו בעקומען ביי דער קאסע פון 5 א זייגער נאכמ.

פוילען האט פארגעשלאגען ליטע

אנצוהויבען די אונטערהאנדלונגען אין ריגא.

וו א ר ש א, 12 (טעלעפאניש). די פוילישע רעגירונג האט ארויסגעשיקט קיין קאוונע א ספעציעלען קוריער צו דער ליטווישער רעגירונג מיט א נאטע, וואס ענטהאלט א פארשלאג אנצוהויבען ענדע יאנואר די אונטערהאנדלונגען אין ריגע.

אין דער נאטע ווערט אנגעצייכענט דער באדען פון די אונטערהאנדלונגען, וואס דארפען זיך אנהויבען קודם-כל אין צוזאמענהאנג מיט דער גרעניק-בעוועגונג, טראנזיט און וועגען אנקניפען א פאסט-טעלעגראפען- און באהן-קאמוניקאציע.

טראצקי ווערט דאך פערשיקט.

קאנפליקט צווישען סטאלין און ריקאוו.—געזיגט די יד חזקה — ארעסטען פון דער אפאזיציע דויערען ווייטער.

ב ע ר ל י ן, 12 (ספ. טעל.) די וואלף-אגענטור האט טעלעגראפיש אנגעפרעגט ביי דער אפיציעלער סאוויעטישער טעלעגראפען-אגענטור, צי איז אמת, די ידיעה וועגען דער פערשיקונג פון די אפאזיציע-פיהרער קיין סיביר און אנדערע אבגעלעגענע מקומות. דערויף איז אנגעקומען פון מאסקווע צווייטיגער ענטפער, אז אין די גוט-אינפארמירטע קרייזען איז נאך ביז איצט גארנישט בעקאנט וועגן דעם.

דאגעגן האט „בערל. טגבל.” בעקומען און באלד פערעפענטליכט א בריף פון זיין מאסקווער קארעספאנדענט פאול שעפער, וועלכער דערצעהלט פאלגענדע פרטים וועגען דער פערשיקונג פון די אפאזיציאניסטען.

דעם 3-טען יאנואר האט די ג. פ. או. צוגעשיקט בעפעהלען צו 30 אנפיהרער פון דער אפאזיציע, אז זיי מוזען פערלאזען מאסקווע אין משך פון 3 טעג. צומארגענס דעם 4-טען האבען אזעלכע בעפעהלען בעקומען נאך פיל אנדערע אפאזיציאניסטען. אין די בעפעהלען איז געזאגט, אז אין נאמען פון דער פארטיי און צוליב דער פארטיי מוזען זיי פערלאזען מאסקווע און פאהרען אין די ערטער וואס מען ווייזט זיי אן.

אויך קאמעניעוו און זינאוויעוו, הגם זיי האבען שוין אפיציעל חוזר בתשובה געווען, האבען בעקומען אזעלכע בעפעהלען.

טראצקי ווערט פערשיקט קיין אסטראכאן, ראקאווסקי—אין וויאטקער גובערניע אין אנ'ארט, וואס געפינט זיך 500 קילאמעטער ווייט פון א באהן-סטאציע, ראדעק — אין טאבאלסקער גובערניע, קאמעניעוו — קיין טאבאלסק סערעבריאקאוו — קיין סעמיפאלאטינסק, זינאוויעוו — אין אוראלער קאנט.

די גאנצע געשיכטע איז ביז'ן 6-טען געהאלטען געווארען בסוד סודות און אויך ביז היינט איז אין דער סאוויעטישער פרעסע קיין ווארט נישט פערהאן וועגען דעם.

מ א ס ק ו ו ע 12 (ספ. טעל.) דאס אפזאגען זיך פון טראצקי'ן פרייוויליג צו פערלאזען מאסקווע און צו פאהרען אין אסטראכאנער קאנט וואוהין ער ווערט פערשיקט, האט אין די פיהרענדע קרייזען פון דער רעגירונג אריינגעבראכט א צומישונג.

צווישען סטאלין און ריקאוו'ן זענען אויף דעם באדען ענטשטאנען שארפע חלוקי דעות. אויף א זיצונג פון צ. ק. וואס איז געווען זעהר שטורמיש איז מיט א מעהרהייט שטימען בעשלאסען געווארען, אז אויב טראצקי וועט גוט וויליג נישט ארויספאהרען, זאל מען איהם אפפיהרען מיט'ן עטאפ.

ב ע ר ל י ן 12 (ספ. טעל.) די היגע „רויטע פאהנע” בעשטעטיגט די ידיעה וועגען דעם פערשיקען פון די אפאזיציע-מיטגלידער.

מ א ס ק ו ו ע 12 (א.וו.) פון כארקאוו טיילט מען מיט, אז די ארעסטען צווישען דער אפאזיציע קומען ווייטער פאר אין די גרעסערע שטעט פון אוקראינע.

אין קיעוו און אדעס זענען אין פערלויף פון די לעצטע טעג ארעסטירט געווארען 80 פערזאן.

16-טע מלוכה-לאטעריע.

3-טע קלאס, 1. ציהונגס-טאג.

וו א רש א, 12. (טעלעפאניש) היינט אינ'ם ערשטען טאג פון דער ציהונג פון דער דריטער קלאס פון דער מלוכה-לאטעריע, זענען ארויס פאלג. געווינסען:

75.000 זל. — 75798.

5000 זל. — 58714.

2000 זל. — 16234 70624.

1000 זל.— 44323 67905 107824.

500 זל. — 937 93185 99994.

400 זל. — 6360 10301 14670 57140 106249.

„וויקט” איינגעלאדען אויף גאסטראלען קיין יוגאסלאוויען בולגאריען, סאלאניקי און קאנסטאנטינאפאל.

ב ו ק א ר ע ש ט, (יט”א) דאס ווארשאווער יודישע קונסט-טעאטער (וויקט) מיט'ן דירעקטאר זיגמונד טורקאוו בראש האט נאך 8 וואכען שפילען אין בוקארעשט, איצט אנגעהויבען א טורנע איבער די גרעסערע רומענישע פראווינץ-שטעט. די דירעקציע פון „וויקט” האט בעקומען איינלאדונגען אויף גאסטראלען קיין יוגא-סלאוויען, בולגאריען, סאלאניקי און קאנסטאנטינאפאל, וואוהין די טרופע וועט אבפאהרען נאכ'ן פערענדיגען דעם טורנע אין רומעניען.

אין קישיניעוו איז נאך נישט רוהיג.

ב ו ד א פ ע ש ט, 12 (ספ. טעל.) פערזאנען, וואס קומען צופאהרען פון רומעניען דערצעהלען, אז אין קישעניעוו איז נאך די ארדנונג נישט צוריקגעשטעלט געווארען. מאנטאג זענען נאך די געשעפטען געווען געשלאסען. די יודען האבען מורא זיך צו בעווייזען אויף דער גאס.

קיין בוקארעשט איז ארויסגעפאהרען א דעלעגאציע אויף צו בעטען, אז די צענטראל-רעגירונג זאל אינטערוועניררען.

איבער די גאסען געהען שוין איצט ארום גרויסע פאטרולען פון פאליציי און מיליטער. די צייטונגען האבען בעקומע א פערארדנונג נישט צו שרייבען וועגען די פארגעקומענע געשעהענישען.

פ. פ. ס. וויל זיך בלאקירען

מיט די יודישע סאציאליסטען.

וו א ר ש א, 12 (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט) אין ניי-סאנץ האבען זיך די פ. פ. ס. געווענדעט צו די לינקע פועלי ציון, אז זיי זאלען זיי אונטערשטיצען ביי די וואהלען צום סיים. די לינקע פועלי ציון האבען די ווענדונג איבערגעשיקט צו זייער צענטראל-קאמיטעט אין ווארשא.

אין בריסק האבען זיך די פ.פ.ס. געווענדעט צו די רעכטע פועלי-ציון, לינקע פועלי-ציון און צום בונד, אז זיי זאלען אונטערשטיצען די פ.פ.ס. ביי די וואהלען.

די רעכטע פועלי ציון האבען דעם פארשלאג אנגענומען. די לינקע פועלי-ציון און בונד האבען די ווענדונג איבערגעשיקט קיין ווארשא.

60-יעהריגער יובילעי פון פראפ. פראנקפורט.

ב ע ר ל י ן, (י.ט.א.) דער בעקאנטער עקאנאמיסט פראפ. ש. פראנקפורט האט די טעג געפייערט זיין 60-יעהריגען געבורטס-טאג. הגם די פייערונג איז פארגעקומען אין ענגען פאמיליען-קרייז, זענען דאך אויך ערשינען די מיטגלידער פון פרעזידיום פון דעם „ארט”-פערבאנד, וועלכע זענען געווען אנוועזענד אין בערלין אויף דער קאנפערענץ פון „ארט”, און אויסגעדריקט דעם יובילאר די הערצליכסטע וואונשען.

פראפ. פראנקפורט שטאמט פון ווילנע, ער האט געענדיגט די ציריכער אוניווערזיטעט, וואו ער איז שפעטער געווען דאצענט. נאכהער האט ער פערנומען דעם אמט פון דאצענט אויף דער מאסקווער אוניווערסיטעט און אין יאהר 1900 איז ער בעשטימט געווארען אלס פראפעסאר אין פעטערבורגער אוניווערזיטעט. ער האט אויך פערנומען א וויכטיגע שטעלונג אין מיניסטעריום פון לאנדווירטשאפט.

נעכטיגע זיצונג פון לאדזער שטאט-ראט.

ווידער געוועהלט דעם אלטען פרעזידיום און די אלטע קאמיסיעס.—בעשטעטיגט דעם צוגאב-בודזשעט.—היינט הויבט מען אן ארויסצוגעבען די דרינגענדע אינטערשטיצונגען פאר ארבייטסלאזע.

(–) די נעכטיגע זיצונג פון שטאט-ראט האט זיך בעשעפטיגט מיט ריין פארמעלע פראגען, וועלכע זענען ארויפגעשוואומען אויף דער טאג-ארדנונג צוליב דער יאהר-וועקסלונג.

אין די קאמוניקאטען, וועלכע ווערען געלייענט פאר דער טאג-ארדנונג ווערט געזאגט, אז די געוועזענע לאווניקעס און וויצע-פרעזידענטען האבען בעקומען ענטשעדיגונג אין דער הויך פון 3 חדשים פענסיע. די דאזיגע ענטשעדיגונג האבען נישט בעקומען די לאווניקעס יאעל און אדאמסקי, וועלכע זענען ווייטער געבליבען אין מאגיסטראט.

דאס פרעזידיום פון שטאט-ראט און אלע קאמיסיעס איז לויט א הסכם פון סעניארען קאנווענט געבליבען דאסזעלבע וואס ביז איצט.

אין דער קאמיסיע פאר דער ליטעראַרישער פרעמיע פון דער שטאט לאדז זענען געוועהלט געווארען לאווניק קאפטשינסקי און געוו. סענאטאר פאזנער.

אין דער ארכיוואלער קאמיסיע פרעזעס האלצגרעבער און ראטמאן וואשקעוויטש.

דאן רעפערירט ראטמ. הארטמאן די בודזשעט - איבערשרייטונגען אין יאהר 1926 און אין ערשטען קווארטאל פון יאהר 1927. די בודזשעט-איבערשרייטענדען ווערען אקצעפטירט בתנאי, אז אין דער צוקונפט זאל דער מאגיסטראט מיט צוגאב - בודזשעטען קומען צום שטאט-ראט פארדעם, ווי די סומען ווערען אויסגעגעבען און נישט שטעלען דעם שטאט-ראט פאר געשעהענע פאקטען.

ראטמ. וואיעוואדזקי פרעגט דעם מאגיסטראט, ווי ס'האלט מיט די אונטערשטיצונגען פון לעבענס-מיטעל און קוילען.

פרעזידענט זשעמיענצקי ענטפערט, אז אלע פארמאליטעטען זענען שוין פערענדיגט און היינט פרייטאג וועלען זיך שוין אנהויבען די פערטיילונג פון די פראדוקטען-אונטערשטיצונגען, וואס שייך קוילען האט דער מאגיסטראט געוואלט, אז די קוילען זאלען זיין גוטע און צו דעם צוועק איז לאווניק אדאמסקי געפאהרען אין די קוילען-גרובען. באלד ווי די קוילען וועלען אנקומען וועלען זיי פערטיילט ווערען צווישען די ארבייטסלאזע.

א גרויסע שרפה אין נאוואמיעסקא 17

אויסגעמיטען א דראהענדע קאטאסטראפע.

נעכטען איז אויף נאוואמיעסקא 17 אויסגעבראכען א שרפה, וועלכע האט געקענט פערוואנדעלט ווערען אין א מורא'דיגע קאטאסטראפע.

דאס דערמאנטע הויז געהערט צו אבא גינזבערג און איז געדיכט בעוואוינט דורך געשעפטען און וואוין-דירות. אויפ'ן ערשטען שטאק געפינט זיך דאס געשעפט פון צעללאלאיד און טריקאטאזשען פון האמבורגער און לאנדוי. די אינהאבער און דאס פערזאנאל פון דעם דאזיגען געשעפט זענען דארט געווען ביז א זייגער האלב ניין אין אוונד און האבען קיין שום פערדעכטיגעס נישט בעמערקט. זיי זענען אוועק פון געשעפט און ווי געוועהנליך צוגעשלאסען אויף פרענטעס און עטליכע שלעסער. ארום 9 אין אוונד האבען די שכנים פון הויז דערפיהלט א גערוך פון אפגעברענטען צעללאיד און האבען בעמערקט ווי פון דעם געשעפט פון האמבורגער און לאנדוי שלאגט ארויס א שטיקענדער רויך. זיי האבען באלד אלארמירט די פייערלעשער, און שוין אין עטליכע מינוט ארום זענען אויפ'ן ארט אנגעקומען עטליכע אפטיילונגען. צוליב דעם, וואס די טירען פון ברענענדיגען לאקאל זענען געווען געשלאסען איז די רעטונגס-אקציע געוואלטיג בעשווערט געווארען און נאר א דאנק דער ענערגישער און לויבענסווערטער ארבייט פון די פייערלעשער, וועלכע זענען איינשטעלענדיג זיך דאס אייגענע לעבען דורך די פענסטער אריין אין ביורא, איז געלונגען דאס פייער צו לאקאליזירען.

דערווייל איז צווישען דער גרויסער צאהל לאקאטארען ענטשטאנען א גרויסער פאניק, די געוואלדען און געשרייען פון די פרויען און קינדער זענען געווען אין לשער, מ'האט אנגעהויבען צו פאקען די זאכען און זיך צוגרייטען צו ענטלויפען, ערשט די פאליציי און פייערלעשער האבען בערוהיגט דעם עולם און אפגעריינגט פון הויף און גאס דעם צונויפגעלאפענעם עולם.

די אקציע פון די פייערלעשער איז געווען געוועגדעט אפצוראטעווען די ארומיגע וואוינונגען, און דאס איז אויך גלענצענד געלונגען. ליידער האט זיך מעהר נישט איינגעגעבען אפצוראטעווען דאס ברענענדע געשעפט, וועלכעס איז אינגאנצען פערניכטעט געווארען.

דער שאדען איז בעדייטענד ס'האט אויך געליטען דאס אייזען-געשעפט פון ס. געפאן, וועלכעס געפינט זיך אין פארטער, דאס געשעפט האט געליטען צוליב'ן וואסער, וואס איז אראפגערינען פון ברענענדען לאקאל.

אויפ'ן ארט פון געשעהעניש איז אנגעקומען די פאליציייאישע מאכט, וועלכע האט אנגעהויבען אנ'אויספארשונג וועגען דער סיבה פון דער שרפה, וועלכע איז נאך ביז איצט נישט פעסטגעשטעלט געווארען.

אין 30 יאהר 60 מאל חתונה געהאט

איצט הייסט איהם דאס געריכט צאהלען צו 1000 דאלאר יעדען ווייב.

פ א ר י ז. 12 (אטע) אין קרימינאל-געריכט פון קאירא איז פארגעקומען א פראצעס פון אנ'עגיפטער, וואס האט חתונה געהאט מיט 60 פרויען אין פערלויף פון 30 יאהר. דאס קרימינאל-געריכט האט זיך אנערקענט פאר נישט קאמפעטענט און האט דעם ענין איבערגעשיקט אין ציוויל-געריכט, וועלכער האט פערמשפט דעם בעשולדיגטען צו בעצאהלען די 2 ווייבער, וואס האבען איהם אנגעקלאגט — 2000 דאלאר.

היינט קומט פאר די לויה פון נח דאווידזאן.

וו א ר ש א, 12 (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט). צום קערפער פון פערשטארבענעם ד"ר נח דאווידזאן, וואס געפינט זיך אין לאקאל פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע זענען אין פערלויף פון טאג געקומען איבער 6 טויזענד פערזאן. דער קערפער וועט געפיהרט ווערען אין א געוועהנליכע עגלה געדעקט מיט א בלוי-ווייסער פאהן. ביים קבר וועלען האלטען רעדעס פראפ. מ. שאר, לעאן לעוויטע, אדוו. גרינבוים, ד"ר גרשון לעווין און פארשטעהער פון פערשידענע אינסטיטוציעס.

צו דער לויה האבען אנגעקינדיגט דאס אנקומען פון דעלעגאציעס פון לאדז, ווילנא, ביאליסטאק. דער לויה-קאמיטעט האט בעשלאסען, אז די ארדנער וועלען נישט טראגען קיין קרעפ, נאר ספעציעלע ווייס-בלויע לענטעס. דער קערפער געפינט זיך אין א דריי-פאכער טרומנע, ווייל ס'ווערט פראיעקטירט איהם אריבערצופיהרען קיין א"י. דערווייל אויפ'ן ווארשאווער בית-עולם וועט דער נפטר קומען צו קבורה נעבען דעם קבר פון זיין פאטער,

---

פעראיין פון כאלופניקעס און האנדווערקער
אין דער פוילישער רעפובליק, אפט. לאדז, זאכאדניא 66.

אכטונג, מיטגלידער! איהר ווערט אויפגעפאדערט תיכף ארויסצונעהמען אייערע אריינגאנג-בילעטען אויף דער

גרויסער מיטגלידער-פערזאמלונג

מיט'ן בעטייליגונג פון ה' זיבערט (ווארשאווער שטאט-ראטמאן), וואס קומט פאר שבת, דעם 21 יאנואר 2 א זייגער נאכמיטאג אין ענגלישען זאל, אלעע 1 מאי 2

די פערוואלטונג.

465

לאָדז, 13 יאנואר 1928

נייער פאָלקסבלאַט

לאָדז, 13 יאנואר 1928

רעליגיעזע בענקשאַפטען

פון דר. ח. זשיטלאָווסקי

מיט אַ יאָהר צוואַנציג צוריק האָט די יודישע ראַדיקאַלע יוגענט אין מורח־אייראָפּע איבערגעלעבט אַ אינטערעסאַנטען פּסיכישען צושטאַנד. ס'האָט זיך ביי איהר דערוועקט אַ שטאַרקע בענקשאַפט נאָך אַ רעליגיעזען לעבען און דוקא אין די אַלטע פאָרמען פון דעם יודישען גלויבען.

אין דער יודישער ליטעראַטור פון יענער צייט זענען פערבליבען אַ פּאָר קינסטלערישע אָפּשפּיגלונגען פון יענער רעליגיעזער בענקשאַפט און אויך איניגע טעאָרעטישע בעלויכטונגען פון דעם ענין. גאַנץ אויפגעקלערט איז אָבער אָט דער אַזוי אינטערעסאַנטער פעריאָד נאָך עד היום נישט. זיכער איז, אַז פון אַלע דעמאָלסדיגע בענקשאַפטען, שטימונגען און שטרעמונגען האָט זיך, בפועל, גאָר נישט אויסגעלאָזען. די גאַנצע בעוועגונג האָט זיך ווי אין זאַמד פערלאָפען.

מיר דוכט, שולדיג אין דעם איז געוועזען דער פאַקט, וואָס די דעמאָלסדיגע רעליגיעזע בענקשאַפט האָט זיך צו ענג אַנגעשלאָסען נישט נאָר אין די פאָרמען פון דעם אַלט־יודישען לעבען, מיט אַלע זיינע וויכטיגסטע דינים און מנהגים, נאָר אויך אָן דעם אַלטען איבערנאַטירליכען גלויבען. עס איז אָבער פאַר אַ פריידענקענדיגען מענשען „שווער צו זיין אַ יוד", אונמעגליך צו נעמען אויף זיך דעם האַרטען יאָך פון פרומע געבאָטען, וואָס קאָנען זיך בשום אופן נישט פערענטפערן פאַר דעם פרייען קריטישען געדאַנק. און מחמת דעם איז פון דעם גאַנצען דעמאָלסדיגען נשמה־אויפרודער איבערגעבליבען נאָר אַ פּאָר פרום־געוואָרענע יחידים און איינצעלנע אונבעדייטענדיגע גרופּעס, ווי ד"ר נ. בירנבוים און זיינע זיהן, ווי ד"ר מאַרטין בובער מיט זייגע „נעאָ חאַסידישע" חסידים.

איצט מערקט זיך ווידער אין דעם יודישען פּראָגרעסיווען לאַגער דער אויפקום פון אַ נייער רעליגיעזער בענקשאַפט, און עס וואָלט געווען אַ גרויסער שאָד, ווען אויך זי זאָל זיך פערלויפען אָן ערנסטע ממשות'דיגע רעזולטאַטען, אָדער זיך ענדיגען נאָר מיט דעם, וואָס זי וועט צופיהרען צו דער אַלטער יודישקייט נאָך אַ פּאָר יונגע פרישע כחות, וועלכע וועלען איהר העלפען פערשטאַרקען איהרע פּאָזיציעס. דער עיקר וואָלט געווען אַ גרויסער שאָד, ווען ביי דאָס רוב פריידענקער זאָל די רעליגיעזע בענקשאַפט ווידער דערשטיקט ווערען אויס מורא... פאַר רעליגיע.

אָט די מורא איז לגמרי אונבערעכטיגט. זי נעמט זיך ה'ערפון, וואָס מען איז איינגעגלויבט, אַז אַ רעליגיעזער לעבען איז אונמעגליך אָהן אַ גלויבען אין אַנ'איבערנאַטירליכער וועלט, אָן אַ גלויבען אין אַנ'איבערנאַטירליכען גאָט, וואָס ענטפלעקט זיך פאַר וועמען עס איז און שרייבט איינעם פאָר, ווי אַזוי מ'זאָל איהם דינען און געפינען חן אין זיינע אויגען.

אין דער אמת'ן איז אַזאַ געדאַנק נישט מעחר, ווי אַ „היסטאָרישע אידעענפערבינדונג", אויסגעוואַקסען פונם פאַקט, וואָס אַלע ביזאַהעריגע רעליגיעס זענען ענג צונויפגעפלאָכטען מיט אַ וועלכען עס איז איבערנאַטירליכען עלעמענט. אין דער אמת'ן אָבער געפינען מיר אין יעדער רעליגיע אַ סך עלעמענטען, ריין מענשליכע, וואָס קאָנען בלייבען בעשטיין אפילו דעמאָלט, ווען דער פרייער געדאַנק זאָל האָבען אינגאַנצען אויסגעבּרענט פון זיי אַלע שפּורען פון אַ יענער וועלט און פון אַנ'איבערנאַטירליכען גלויבען.

געוויס שפּילען ביידע עלעמענטען זייער ראָלע אין אויפגעוואַכטער רעליגיעזער בענקשאַפט. ביי איינעם איז דאָס מעהר אַ בענקשאַפט נאָך אַנ'איבערנאַטירליכען גלויבען, מיט אַ גוטען און גערעכטען גאָט, וואָס ענטפלעקט דעם מענשען דעם ריכטיגען „דרך החיים." ביי אַנדערע אָבער איז דאָס מעהר אַ בענקשאַפט נאָך אַ רעליגיעזען לעבען, נאָך געוויסע פאָרמען, צערעמאָניעס און סימבאָלישע האַנדלונגען, וואָס אין זיי קאָנען זיך אויף דער וועלט אויסלעבען די רעליגיעזע געפיהלען פון היילינקייט און נשמה־ריינקייט, אָן אַ וועלכען עס איז איבערטראַכט, צי יענע געפיהלען האָבען אַ וואָסער עס איז שייכות צו אַנ'איבערנאַטירליכען גאָט און צו אַנ'אייביגען לעבען נאָכ'ן טויט.

מיר דוכט אָבער, אַז די בענקשאַפט נאָך אַ דאָ־וועלטליכען רעליגיעזען לעבען מוז שפּילען אַ גרעסערע ראָלע, איידער די בענקשאַפט נאָך אַ יענע־וועלטליכען רעליגיעזען גלויבען. און דאָס איז מחמת דעם פּשוט'ן טעם, וואָס צו אַ רעליגיעזען לעבען ציהען זיך הערצער אי פון גלויביגע, אי פון אַזעלכע מענשען, וואָס האָבען נישט קיין בעדערפניש צו זוכען אַנ'אַנדער וועלט הינטער די גרעניצען פון דער וועלט, וואָס מיר נעמען אויף מיט אונזערע חושים, מיט דער וויסענשאַפטליכער פאָרשונג און מיט דעם פרייען קלאָרען, פילאָזאָפישען בעטראַכט.

רעליגיעז אויסלעבען זיך אין געפיהלען פון היילינקייט און נשמה־ריינקייט קאָנען אפילו די עקסטרעמסטע מאַטעריאַליסטען און די קאָנסעקווענטסטע אַטעאיסטען.

ווי אָפט הערט מען אין די ראַדיקאַלסטע קרייזען דעם אויסדרוק „הייליג." ריכטיג אַנגעווענדעט אויף געוויסע גרויסע מענשען, אויף געוויסע צילען, אויף אַ געוויסען אַרט לעבען. כדאי צו ברענגען נאָר איין ביישפּיל: קראָפּאָטקינ'ס מהות מענש, זיין לעבען און ליידען אין די תפיסות, די אידעאַלען, צו וועלכע ער האָט געשטרעבט, קאָנען בלי ספק בעצייכענט ווערען — און זענען אויך אָפט בעצייכענט געוואָרען, — מיט דעם נאָמען „הייליג." און יעדען ראַדיקאַל־דענקענדיגען און פיהלענדיגען מענשען קומט זיכער אויס ווען עס איז אַליין דורכצולעבען און דורכצופיהלען מאָמענטען פון היילינקייט. און צו נעמען אַנ'אַנטייל אין האַנדלונגען, וואָס זענען דורכגעדרונגען מיט היילינקייטס־שטימונגען, און מוזען רייין אָביעקטיוו אָנגערופען ווערען נישט אַנדערש, ווי רעליגיעזע צערעמאָניעס.

בעטראַכט אַ לויה פון אַ גרויסען רעוואָלוציאָנער, אָדער אַנ'עפענטליכען טוער, אָדער אַ גייסטיגען קעמפער, וואָס האָט זיין לעבען „מקדיש" געווען פאַר אַ „גרויסער" און „הייליגער" זאַך: לאָמיר זאָגען: אַ קראָפּאָטקין אָדער אַ לענין. בעטראַכט די פּנים'ער, די דעלעגאַציעס מיט די לאָרבער־קראַנצען, האָרכט זיך איין אין די רעדעס, לעבט זיך אַריין אין יענער גאַנץ בעזונדערער, גאַנץ אייגנאַרטיגער, גאַנץ ספּעציעלער פּסיכישער שטימונג, וואָס הויערט איבער דעם גאַנצען עולם: ווי ווילט איהר די שטימונג אָנרופען אַנדערש, איידער די שטימונג פון קדושה, פון „יראת הרוממות"?

אין פלוג: וואָס איז דאָ דער מעהר מיט די ניכטערע מאַטעריאַלען? צו וועמען רעדען זיי, ווען זיי זאָגען: „דיין לעבען וועט אונז לייכטען, ווי אַ פיהרענדיגער שטערן אין וועג"? צו וועמען שווערען זיי, ווען זיי שווערען, צו בלייבען טריי זיינע לערען און צו גיין אין זיינע וועגען?

לאָזט מיך דאָ רעדען אכזריות'דיג: פון אַ ריין שכל'דיג־מאַטעריאַליסטישען שטאַנדפּונקט איז די גאַנצע צערעמאָניע אַנ'עבודה־זרה דינסט, וואו די ראָלע פון דער עבודה־זרה, פון דעם פּרימיטיווען פעטיש, שפּילען עטליכע צעהנדליג פונט צעפוילט אָדער איינגעבאַלזאַמירט נבלה־פלייש. וואָלט נישט בעסער געווען אוועקצוואַרפען זיי פאַר די הינט. איידער אַרומבויען אַרום זייער קבר אַ טעמפעל, אַ מין בית־המקדש?

ס'איז אָבער גענוג אַרויפצולאָזען אַזעלכע רייד אויפ'ן זין, כדי תיכף צו דערשפירען דעם שטאָך אין האַרצען. די גאַנצע מאוימ'דיגע אומווירדיגע טומאה, וואָס ליגט אין זיי. דער שטאָך אין האַרצען קומט דערפון, וואָס אין אַזעלכע רייד אָדער געדאַנקען ווערט „פערשוועכט." ווערט „געלעסטערט" אַ געפיהל פון קדושה. און דער מאַטעריאַליסטישער קלאָרער שכל, אויב ער איז נאָר נישט קיין טיפּוש, ווערט זיך היטען אַרויסצוטרעטען מיט זיין מאַטעריאַליסטישען „ריינעם אמת". אויב ער איז נישט קיין שוטה מוחלט, ווערט דער דאָזיגער שכל איינזעהן, אַז דאָ מוז ער בויגען זיין מעפיסטאָפעלישען קאָפּ פאַר עפּעס אַזוינס, וואָס איז העכער פאַר איהם, וויכטיגער פאַר דעם מענשען און טייערער דעם מענשען איידער ער: און אויב דער דאָזיגער שכל האָט נאָר אַ לעק מוח אין זיך, וועט ער זיך אַליין פריידיג אַריינוואַרפען אין יענער שטימונג פון קדושה, כדי מיט דעם ליכט פון זיינע געדאַנקען דורכצולייכטען די ציל'ען און דעם מהות פון דער היילינקייט, און כדי אין דעם פייער פון דער היילינקייט אויסצולייטערן און הייליג צו מאַכען זיינע אייגענע געדאַנקען. דער שכל ווערט דאָ דורך־און־דורך רעליגיעז.

און נישט נאָר שטימונגען פון היילינען טרויער לעבען איבער ראַדיקאַלע אַטעאיסטען און מאַטעריאַליסטען. אויך די געפיהלען פון הייליגער פרייד, פון הייליגער יום־טוב'דיגקייט. שבת־קודש'דיגקייט זענען נישט פרעמד דער ברוסט פון די ראַדיקאַלסטע פריידענקער, אויב זייערע נשמות זענען גאָר נישט „קדושה־בלינד". ווי עס זענען דאָ פאַרבענבלינדע אויגען. די הייליגע יום־טוב־געפיהלען, מיט די פּאַסיגע צערעמאָניעס און פרייד־קלאַנגען, מיט זייער ריין רעליגיעזען טעמבר, קאָן מען בעמערקען, לאָז זיין, אין די יובל־ימים־טובים פון אַ וועלכער עס איז ראַדיקאַלער בעוועגונג.

אָט די אַלע רעליגיעזע שטימונגען רייסען זיך אַריין אין דעם וואָכעדיגען לעבען ספּאָראַדיש, על פּי מקרה. מאָמענטענווייז בעשיינען זיי די טאָג־טעגליכע גרויקייט פון דעם געוועינליכען לעבען. אין דער רעליגיעזער בענקשאַפט אָבער טרעט אַרויס דער פערלאַנג נאָך גערעגעלטע, סיסטעמאַטישע רעליגיעזע איבערלעבונגען, וואָס זאָלען פערנעמען אַ שטענדיגען פּלאַץ אין לעבען נישט נאָר פון יעדען איינצעלנעם יחיד, נאָר פון אַ גאַנצען כלל.

עס געהערט צו דעם תוך פון אַ רעליגיעזען לעבען צו זיין „קירכליך." „סינאַגאָגאַל." „טעמפּעלהאַפט." מענשען, וואָס האָבען בשותפות אַ גרויסען גלויבען, אַ גרויסען „הייליגטום",—אַנ'איבערוועלטליכען, אָדער וועלטליכען,—ווילען זיין פערבונדען אין איין „קהלה", צונויפקומען זיך אין איין „הייליגען" אָרט אין בעשטימטע צייטען, אָראָפּטרייסלען פון זיך דעם גרויען שטויב פון דער וואָכעדיגקייט, אויסהערען אַנ'אויפמונטערענד וואָרט, וואָס זאָל זיי קלאָרער מאַכען און פערטיפען די יסודות פון זייער גלויבען, האָפען און שטרעבען, פערשטאַרקען זייער צוטרוי צו קונסט, צוגעבען זיי חשק און מוט אַליין עפּעס אויפצוטון, כדי זייערע העכסטע אידעאַלען זאָלען ווערען אַ ווירקליכקייט.

עס ווילט זיך, אַז מיין יום־טוב זאָל זיין נישט נאָר פאַר מיר אַ יום־טוב (און נאָר מיין ווייב און קינד), בעת אין דעם אַרום הערשט דער וואָכעדיגער הו־האַ, נאָר ער זאָל זיין אויך אַ יום־טוב פאַר אַלעמען, פאַר דער גאַנצער וועלט, לפּחות פאַר דער וועלט און דעם לעבען פון די, וואָס טיילען מיט מיר דעמזעלביגען גלויבען, דיזעלביגע האָפנונגען און אידעאַלען, דיזעלביגע היילינטימער.

פון די פּאָר קאָנקרעטע ביישפּילען, וואָס מיר האָבען געבראַכט, און די פּאָר איינצעלשטריכען, וואָס מיר האָבען אָנגעמערקט, קאָן, רעכען איך, ווערען קלאָר, אַז אַ סיסטעמאַטיש־אָרגאַניזירטער רעליגיעזער לעבען לאָזט זיך דענקען אויך אָן אַ וועלכען עס איז גלויבען אין אַ וואָסער עס איז איבערנאַטירליכער וועלט, און אַז אַ גאָר גרויסער טייל פריידענקער, געבענטשט אָדער געשטראָפט מיט אַזאַ רעליגיעזער בענקשאַפט, קאָן אויסלעבען די דאָזיגע פּסיכישע בעדערפניש אין פאָרמען, וואָס לייגען נישט אַרויף קיין ברעקעל צוואַנג אויף זייער אַבסאָלוט פרייען קריטישען דענקען.

עס איז גאָר נישט געווען קיין משוגעת מצד די ערשטע סען־סימאָניסטישע סאָציאַליסטען, ווען זיי האָבען געפּרובט אָרגאַניזירען זייער סאָציאַליסטישען לעבען אויף די יסודות פון אַ רעליגיעזער קהלה. און ס'איז אויך געווען אַ ריכטיגער אינסטינקט, וואָס האָט געטריבען איינעם פון די פרייסטע דענקער אין דעם נייינצעהנטען יאָהרהונדערט, אָגיוסט קאָנט,—אויסצוגעבען אַזוי פיל גייסטיגע ענערגיע אויף דער אויסאַרבייטונג פון אַ נייער פריידענקערישער רעליגיע, דער „רעליגיע פון דער מענשהייט".

ס'איז אָבער זעהר אַ שווערער ענין אויסצוגעפינען נייע פּאַסיגע פאָרמען, אין וועלכע עס זאָל זיך קאָנען אויסלעבען די פריידענקערישע רעליגיאָזיטעט. אַ סך גרינגער איז עס — נעמען די אַלטע פאָרמען פון אַ וועלכער עס איז איינגעשטעלטער רעליגיע, אָפּרייניגען זיי פון אַלע איבערנאַטירליכע געדאַנקען און פעראַלטעטע גלויבונגען, אַרויסהויבען אין זיי יענע אייביג־מענשליכע שטרעבונגען און האָפנונגען, וואָס געהען נישט להיפוך צו אַ פרייען מענשליכען שכל, און נאָך פאַרביגער און ליכטיגער מאַכען אין זיי יענע היילינקייטס־מאָמענטען, וואָס רעדען צו יעדער איידעלער מענשליכער נשמה.

אָט אויף דעם וועג געהען איצטער מאַסען פון סאָציאַליסטישע אַרבייטער און אינטעליגענטען אין דייטשלאַנד און שווייצאַריע, זיי פּאַסען־צו די פאָרמען פון דער קריסטליכער רעליגיאָזיטעט צו דעם סאָציאַליסטישען אידעאַל און צו דעם מאָדערנעם וועלט־בעגעם. און עס איז פאַר מיר קיין ברעקעל ספק נישט, אַז די רעליגיעזע בענקשאַפט, וואָס הויבט זיך אָן צו בעמערקען אויך אין אונזערע פריידענקערישע קרייזען, וועט סוף־כל סוף מוזען אַרויפגעהן אויף דעמזעלבען וועג. נאָר אָנשטאָט די פאָרמען פון דער קריסטליכער קירכליכקייט, וואָס זענען לגמרי פרעמד דער יודישער נשמה, וועלען מוזען גענומען ווערען די פאָרמען פון דעם אַלט־יודישען רעליגיעזען לעבען, וואָס האָבען אין זיך אַזוי פיל מענשליך־רעליגיעזע גלויבונגען און האָפנונגען, אַזוי פיל פּאָעטישע און „כשר"־נאַציאָנאַלע עלעמענטען.

נאָר ווען די איצטיגע רעליגיעזע שטימונג וועט זיך אַרויפשלאָגען אויף אַזאַ וועג,—אויף אַ וועג פון אייגענע יודישע פריי־רעליגיעזע קהלות,—קאָן זי אַרויסברענגען גאַנץ ממשות'דיגע רעזולטאַטען אין אונזער לעבען. אויב נישט, הויערט אויך איבער איהר די סכנה, זי זאָל ווידער פערשאָטען ווערען מיט דעם גרויען שטויב פון דער טאָג־טעגליכקייט און אינגאַנצען דערשטיקט און דערוואָרגען ווערען אונטער איהם.

מעכעל פאַנפע (שטיפעריי)

פון ב. קאָוונער

אַז מיין לאַנדסמאַן מעכעל פאַנפע איז געוואָרען אַנ'אַלמן, האָט ער די אויגען געעפענט, געוואָרען מיט 10 יאָהר יונגער.

אַלע שכנים און אַלע פריינד האָבען איהם מקנא געווען.

„איצט וועט איהם זיין פרוי מעהר נישט שלאָגען" — האָבען אַלע געזאָגט — „איצט וועט ער שוין מעהר נישט אַרומגעהן מיט ברוין־בלויע סמנים אויפ'ן לייב. געבענטשט זאָל זיין דער טויט, וואָס האָט זי צוגענומען פון דער וועלט".

אָט אַזוי האָבען אַלע גערעדט, און ער, מעכעל, האָט געשיינט ווי די זון אין תמוז.

ער האָט זיך אָפּגעקאָסעט דאָס בערדעל, אָנגעטון אַ שענעם אַנצוג, ברוינע שיך, אַ ליכטיג העמד מיט אַ ווייסען קאָלנער, גענומען אַ ציגאַר אין מויל, אַ שטעקעלע אין האַנד, אַ פּאָר טאָלער אין קעשענע און זיך אַוועקגעלאָזט צו זיין חבר, זעליג דער שדכן.

— זעליג, ברודער, איך בין געקומען צו דיר מכח „אַכטצעהן און דרייצעהן" דו ווייסט דאָך, וואָס איך מיין, זעליג; איך וויל חתונה האָבען; די אַכט יאָהר, וואָס איך האָב אָפּגעוואוינט מיט יענער, רעכען איך גאָרנישט אַריין אין פערהייראַטען לעבען: ווי איך וואָלט קיינמאָל נישט חתונה געהאַט; אַז די גאַנצע אַכט יאָהר האָט זי פון מיר געריסען שטיקער, מיך געפּאַדעט, געשאָלטען, דערגאַנגען מיר די יאָהרען, זיך געשאָפּט מיט מיר ווי מיט אַ יונגעל, מיך בעליידיגט אויף טריט און שריט; אויסגעריסען בין איך געוואָרען ביי איהר; ס'איז זישט אַוועק דער טאָג, זי זאָל מיך נישט שלאָגען. אויב זי האָט נישט געהויבען די האַנד, האָט זי מיר געוואָרפען אַ טעלער אין קאָפּ, אַ טעפּעל, אַ פּרעס־אייזען, א רייב־אייזען — וואָס ס'איז איהר געקומען פאר די אויגען! רעכען איך אָט די אַכט יאָהר נישט אַריין אין פערהייראַטען לעבען. מען קען זאָגען, אַז איך בין נאָך כמעט א בחור...

— וואָס זשע ווילסטו? — פרעגט זיין חבר, זעליג דער שדכן.

— וואָס וויל אַ בחור? חתונה האָבען וויל ער; אָבער עס מוז זיין אַזוינס און אַזעלכעס; עס האָט מיך שוין גענוג געקאָסט רבי־געלד; איך וועל די אַכט יאָהר געדענקען מיין גאַנץ לעבען...

— וואָס ווילסטו? — פרעגט ווידער דער שדכן — אַ מיידעל, אַנ'אַלמנה, אַ גרושה, אָדער גאָר אַנ'עגונה? פאַראַן אויף מיין צעטעל צוויי עגונות, וואָס האָבען שוין אויפגעגעבען זייערע האָפנונגען צו געפינען זייערע ענטלאָפענע מענער. זייערע ענטלאָפענע מענער האָבען אודאי שוין צו דריי און צו פיער קינדער מיט אַנדערע פרויען; ווילען אָט די עגונות חתונה האָבען. קלויב זיך אויס, מעכעל, וואָס דיין האַרץ גלוסט; פערהאַן ביי מיר פון פויגעל־מילך.

האָט מעכעל קיין סך נישט געטראַכט און געזאָגט:

— זעליג, ברודער, איך פערלאָז זיך אויף דיר; דו ביזט אַ שדכן און דו פערשטעהסט בעסער וואָס פאַרא סאָרט פרוי איך דאַרף האָבען. פערשטעהט זיך אַז איך וואָלט גיכער געוואָלט האָבען אַ יונג מיידעל, אַ שענע און אַ גוטע, מיט עטליכע טויזענד טאָלער, און דער עיקר נישט קיין געזונדע. טאָמער איז זי, חלילה, אַ געזונדע, וויל איך נישט: יענע, מיר צו לענגערע יאָהר, איז אויך געווען אַ געזונדע... איך וויל דוקא אַ שלאַפע, אַזאַ, וואָס זאָל קיין כח

(ענדע — 9־טע זייט)

דער גרויסער סוד - די פרוי

פון ב. צ. גאלדבערג

מיר לעבען היינט אין א מענערשער וועלט, אזוי זאגען די פרויען. און עס זענען דא גענוג ווייבערשע מענער וואס גלויבען דאס. עס אימפאנירט זיי, וואס נישט געקוקט אויף זייער פאנטאפעלדיגקייט זענען זיי נאך אלץ די הערשער איבער דער וועלט.

אבער פונדעסטוועגען וועלען אלע צוגעבען, אז עס זענען נאך דא גענוג פרויען, וואס האבען מער ווי א פינגער אין דעם חלק פון דער וועלט. אדרבה, צו אפט פיהלט זיך אונזערער א מאנסביל ווי ער וואלט געשוואומען אין א ים פון ווייבערטום, ווי אנ'איינזאם שיפעל, וואס ווערט געטראגען אויף די כוואליעס פון ווייבערישקייט.

יעדער מאנסביל האט קודם כל א מאמע, און יעדע מאמע איז א פרוי. און ביז וואנען דער מאנסביל וואקסט אונטער, איז ער אינגאנצען אין די הענד פון א פרוי. צו דעם האט ער א שוועסטערל, אדער עטליכע שוועסטערלעך, וואס זענען צוקונפטיגע פרויען, און אין גאס שפילט ער זיך מיט פרעמדע מיידעלעך, חבר'טעס, וועמען ער רייסט די האר, און פיהרט מיט זיי מלחמה.

און אז ער ווערט עלטער פלירטעוועט ער מיט מיידלעך און פיהרט מיט זיי ליבעס, ביז ענדליך, ער קלייבט זיך אויס איינע, מיט וועמען ער פערברענגט אלע זיינע שעה'ן אויסער ווען ער איז פריי. און מיט דער צייט האט ער אליין קינדער, צווישען זיי טעכטער, וואס געהערען אלזא צום פרויען-געשלעכט.

אומעטום, אויף יעדען שריט, ביי יעדען מאמענט אין לעבען, בעגעגענט דער מאנסביל די פרוי, און דאך איז זי פאר איהם א מיסטעריע, א געהיימניש, א גרויסער סוד, וואס סיי ער אליין, סיי די ביכער, וואס ער לייענט, האלטען אין איין זוכען און נישטערען אויפצולעזען די אייביגע רעטעניש — די פרוי!

און די רעטעניש ווערט קיינמאל נישט אויפגעלעזט, ווייל עס איז גאר קיין רעטעניש נישטא — די פרוי איז להבדיל א מענש, נישט ווייניגער, אבער אויך נישט מעהר. אט דאס איז די אויפגאבע, וואס דזשאן לענגדאן דייוויס האט זיך געשטעלט אין זיין „קורצע היסטאריע פון פרויען." און עס איז באמת שוין צייט געווען, אז אימיצער זאל קומען און אויסלאכען די אלע אבערגלויבענישען ארום א גאנצער העלפט פון דער מענשליכער געזעלשאפט, וואס מיר רופען אן פרויען.

צוערשט מאכט דייוויס א תל פון דער גרעטסטער מיסטעריע פון אלע מיסטעריעס — די מיסטעריע פון געשלעכט. ער גיט די געשיכטע פון רעפראדוקציע פון די גאר איינפאכסטע בעשעפענישען ביז'ן מענשען, און בעמערקט, אז ווען דער הייליגער פאול און אנדערע פאטערס פון דער קירך, וואלטען געוואוסט מעהר וועגען דעם פראצעס פון געשלעכט אין דער נאטור, וואלט די קריסטליכע וועלט געהאט גאר אנ'אנדער בעציהונג צום געשלעכטס-לעבען און במילא צו דער פרוי. אומוויסענקייט און פערוועזיטעט האבען געשאפען די היינטיגע גייסטיגע בעציהונגען פון מאן צו דער פרוי.

און דערנאך צושטערט ער נאך א פאר איינגעזעסענע בעגריפען וועגען דער פרויען-וועלט. למשל, די אזוי בעריהמטע מאטריארכאט — אז עס זענען אמאל געווען געזעלשאפטען אין וועלכע די פרויען האבען געשאלטעוועט און די מענער זענען געווען די „ווייבער", געניאנטשעט די קינדער, געטון הויז-ארבייט און דעסגלייכען. אזא מין מענשליכע געזעלשאפט איז נאך ביז אהער אויף דער וועלט נישט געווען. עס זענען געווען, ווי עס זענען נאך היינט פערהאן, ערטער, וואו ירושה געהט דורך דער מוטער, און דאס מאכט די פאזיציע פון דער פרוי בעזונדערס וויכטיג. אבער אויסער ירושה האט די פרוי נישט צו זאגען, און אפילו דארטען איז נאך אלץ די פרוי נאר די בעלעבאסטע און די מענער פיהרען די גרענדע. און די ירושה דורך דער פרוי, קומט דורך דעם, וואס צוערשט האט דער שבט גארנישט געוואוסט, אז עס איז דא א שייכות צווישען געשלעכטליכען צוזאמענלעבען און דעם געבורט פון קינד. און שפעטער, ווען די ידיעה איז יא אנגעקומען, איז דער פאטער פון קינד נאך אלץ „אומזיכער און אומבעשטימט."

און אויסער'ן מאטריארכאט צושטערט דייוויס די לעגענדע פון פאליגאמיע. ער דערמאנט אונז, אז אומעטום האבען מיר כמעט די זעלבע צאהל פרויען ווי מענער. אפילו אין די פאליגאמישע לענדער האבען מיר נאך אלץ מיט א פאר פראצענט פרויען מעהר ווי מענער. עס איז אלזא, נישט גענוג פרויען אין דער געזעלשאפט, אז די פאליגאמיע זאל זיין אזוי פערשפרייט אין אלגעמיין ווי די מאנאגאמישע מענער האבען ליב צו חלום'ען וועגען דעם. אין פאליגאמישען לאנד איז נאר א קליינע צאהל מענער פערהאן, וואס האבען צו עטליכע ווייבער, דער גרויסער טייל מענער האט בלויז צו איין ווייב, און אנדערע האבען גאר קיין ווייבער נישט. און די פיל ווייבערישקייט איז פאר'ן מאן זעהר אפט א קליינער נחת. די ווייבער שליסען אמאל א בונד געגען מאן, און צוזאמען ברעכען זיי איהם אן די ביינער — הכלל, דער פיל-ווייבערישער מאן איז רייך אבער נישט פריי, נישט דער מושל איבער זיין הארעם, נאר צו אפט דער שקלאף פון הארעם.

און פונקט אזוי לעגענדאריש איז די מעשה פון אומבעגרעניצטען געשלעכטליכען פערקעהר אלס די ערשטע שטופע פון די געשלעכטס-בעציהונגען ביים מענשען. דער מענש האט ליב סדר און לאגיק, מיינט ער אז די וועלט געהט טאקע אן על פי סדר און לויט זיין לאגיק. איז געוועהנליך אנגענומען — אין די אינטעליגענטערע שיכטען פון פאלק אויב נישט צווישען די געלערנטע, — אז די געשלעכטס-בעציהונגען אין דעם מענשליכען מין זענען אנגעגאנגען אויף דעם וועג:

צוערשט האבען מיר געהאט אבסאלוט פרייע געשלעכטס-בעציהונגען, ווי ביי הינד אדער פערד. דערנאך האבען מיר די פארמע פון גרופען-הייראט, אין וועלכע איין גרופע פרויען איז פערהייראט צו איין גרופע מענער — א קאלעקטיווע הייראט אזוי צו זאגען, וואו יעדער מאן פון דער גרופע קען זיך האבען יעדע פרוי פון דער פרויען-גרופע. דערנאך האבען מיר נאך א שטאפעל העכער — די פאליגאמיע, וואו איין מאן נעהמט פאר זיך אליין א גרופע פרויען. עס איז א בעגרענצונג אבער נאר בנוגע די מענער. און ענדליך קומען מיר צום אזוי-גערופענעם „אידעאלען צושטאנד" און איין-ווייבעריי.

אין דער אמת'ן אבער האבען מיר איין-ווייבעריי אפט ביי די סאמע נידעריגסטע שבטים — ווי מיר האבען די זעלבע הייראטס-סיסטעם ביי חיות, ווי ביי די אדלער, למשל, — און פאליגאמיע קאן קומען גאנץ שפעט אין דער מענשליכער געשיכטע, און אין דער אמת'ן האבען מיר דאך היינט נאך א פאליגאמישע געזעלשאפט, מעהר נישט, וואס די פאליגאמיע איז נישט אפיציעל. אויסער'ן געזעץ, און פון אבסאלוט פרייען געשלעכטס-לעבען האבען מיר נאך גאר נישט געהערט.

אינטערעסאנט איז אויך די רייהע פאקטען, וואס דייוויס ברענגט צו בעווייזען, אז די ליבע גופא איז נישט געגאנגען עוואלוציאנעריש פון גראב-געשלעכטליך צו ראפינירט עראטיש. ער ברענגט ציטאטען פון פלירט ביי ווילדע מענשען, וואס זענען פיל בלומענדיגער ווי די ליבע אין אהבת ציון און ראפינירטער פון דער פראנצויזישער עלעגאנטישקייט. נאך מעהר: די עלטערען לערנען די קינדער זייערע, ווען זיי זענען נאך גאנץ יונג, ווי אנצוגעהן מיט'ן פלירט: דאס מיידעל און דאס יונגעל פון דעם פאלונג-שבט רעדען צווישען זיך אין פאעטישער פארם. דאס מיידעל זאגט איהם: „דו ביזט דער הימעל. איך בין די ערד. דו ביזט זייד, איך — באוועל. דו ביזט דער וואקס, איך — דער לאקיר." א. אז. וו., ער ענטפערט: איך האב געקוקט אין וואסער ווי אין א שפיגעל. מיין הארץ האט וועה געטון אין מיין קערפער. איך בענג צו זיין מיט דיר. איך האב געגעסען מיין רייז נאר האלב געקאכט... און אזוי ווייטער. די ליבע איז געווען ראפינירט אמאל און זי איז דריין פיזיאלאגיש היינט, געווענדט אין די מנהגים פון דער צייט און אין דער אויפברענגונג פון מענשען.

און הגם דייוויס געהט אן גאנץ ענערגיש און ברעכט איין נעץ נאכ'ן צווייטען אין מיסטישען טעמפעל פון ליבע, מערקט ער נישט ווי ער אליין ברענגט אויך אריין א נעץ, א געשלעכט-מיסטעריע. אפנים, אז אפילו די דייוויסעס מוזען אויך צאהלען די צינזען פון זייער צייט. דייוויס האט גאנץ שארפע ווערטער פאר אונזערע פעמיניסטקעס. ער איז לחלוטין געגען געדאנק, אז דער מאן און די פרוי זענען אין דער אמת'ן נאר מענשען — נייטראל-געשלעכטליך, — מעהר נישט, וואס צום נייטראלען מענשען קומט צו א ביסעל, אדער א קליינער טייל פון זייער לעבען און פונקציע, וואס איז געשלעכטליך. בעלאדען מיט א היבש ביסעל ביאלאגיע, טענה'ט דייוויס, אז די געשלעכט-דריזען ווירקען אויפ'ן גאנצען קערפער, און דעריבער, נישט דוקא צוליב דער סביבה און אויפברענגונג, זענען די פרויען נידעריגער און ווייניגער מוסקולער ווי די מענער. סוף-כל-סוף קומט דייוויס צום געדאנק — צום אלטען געדאנק, אז די געהיימניש — ער רופט עס: דער אויספלוס פון די געשלעכטס-דריזען — פון געשלעכט, דרינגט אריין אין יעדער צעל פון קערפער און דאס גיט דעם פיזישען טאן צום גאנצען ארגאניזם. פון דעם איז דאך נאר איין שריט ווייטער צו זאגען, אז אקוראט ווי די געשלעכט-דריזען בעאיינפלוסען דעם גאנצען פיזישען ארגאניזם, איז במילא בעאיינפלוסען זיי אויך דעם מענשענס גייסטיגען אפאראט, דעריבער האבען מיר א מענערשע פסיכאלאגיע און א ווייבערישע פסיכאלאגיע: און אויב די זאפטען פון די געשלעכט דריזען זענען א שליסעל צו דער מענשליכער נשמה, איז עס דאך מעהר ווי א מיסטעריע, גאר רזי-דרזין, סוד סודות.

די צרה מיט דייוויס'ן איז, וואס ער האט זיך „פערפרווידעוועט" אין זיין בוך, הגם ער האט אנגעהויבען גאנץ אביעקטיוו און פריי פון פאראויסבעשטימטע אנשויאונגען. דייוויס האט אנגעגעבען א רייכען אינטערעסאנטען מאטעריאל וועגען דער געשיכטע פון פרויען-געשלעכט און דאס וועט פיל דינען אראפצורייסען די נארישע שלייערען פון דער מענשליכער בעשעפעניש, וואס הייסט: פרוי.

דריי מענער

דערציילונג

פון אסף דימאוו

גאנץ צופעליג זענען צוזאמענגעקומען דריי פרויען. אומגעפעהר זענען זיי געווען פונ'ם זעלבען עלטער — פון דעם עלטער, ווען מ'טאר שוין נישט פרעגען א פרוי ווי אלט זי איז. דאס הייסט, מ'איז שוין נישט גאנץ יונג, אבער נאך חלילה נישט אלט. מ'האט שוין דערפארונגען, מ'רעדט שוין געלאסענער, מ'פערשטייט ווי מוחל צו זיין א מאן און נישט מוחל צו זיין אנ'אנדער פרוי, מ'וויל זיין יונג, אבער מ'טראכט שוין: וואס וועט זיין מארגען, און מ'איז פארזיכטיג און מ'מאכט ווייניגער נארישקייטען און מ'פערשטייט, ווען דאס טוען אנדערע.

איינע איז געווען א בלאנדע. א הויכע, א שלאנקע מיט וואסערדיגע בלויע אויגען, וואס מ'רופט — ווען מ'איז פערליבט אין זיי: הימעל-אויגען.

זי האט געהאט שיינע ווייסע הענט, מיט וועלכע זי האט שטאלצירט. זי האט זיך שיין געקליידט און געהאט גענוג געלד שטענדיג צו זיין געקליידט אזוי ווי די מאדע פאדערט.

זי איז געווען מיט א פאר יאהר יונגער פון די אנדערע צוויי פרויען און דערפאר האבען זיי געקוקט אויף איהר מיט א זויער פנים. זי האט געהאט א מאן און צוויי קינדער.

די צווייטע איז אמאל געווען שיין; דאס האט מען געקענט נאך איצט זעהן: איהרע שווארצע אויגען זענען נאך איצט געווען קלוג און פול מיט א בעזונדער רייץ. מיט א פאר יאהר צוריק איז זי פלוצלינג דיק געווארען און דאס האט איהר פערשאפט א סך יסורים. איהרע הענט, און בעזונדערס איהרע פיס, זענען געווארען שווער, איהר אטעם קורץ און אונטער די אויגען זענען אראפגעהאנגען מיאוס'ע זעקלעך, וועלכע האבען זי געמאכט אלט און ערגערליך.

זי איז געווען פערהייראט מיט א זאטען, פוילען רייכען סוחר, וועלכער איז געווען צוגעוואוינט צו איהר, און דערפאר האט זי געמיינט, אז זי האט איהם ליב: זי האט געהאט א טאכטער, וועלכע איז געווען א קאפיע פון דעם טאטען.

די דריטע איז געווען אנ'אלמנה. אנ'אייביגער שמייכעל איז געלעגען ארום איהר מויל. וואס דער דאזיגער שמייכעל האט בעדייט, האט מען נישט געקאנט וויסען. יעדער איינציגער האט דעם שמייכעל פערטייטשט ווי ער האט געוואלט: פאר א גוטע פריינדין איז דאס געווען א סימן פון ליבע; פאר גלאט א זייטיגען מענשען, האט דאס בעדייט העפליכקייט און גוטע מאנירען. פרויען מיט אזא שמייכעל זענען געוועהנליך קאלט, עגאאיסטיש און גלייכגילטיג, און דערפאר האבען זיי אנ'ערפאלג אין לעבען, א גוטער וואפען — וואס בעשיצט און מיט וועלכען מ'קאן אויך אמאל אריינפאלען.

צוזאמען זענען געקומען די דריי פרויען אין א ווינטער-האטעל אין די בערג.

נאך דעם גוטען, פיינעם, מיט גרויס קונסט-צוגעגרייטען אווענד-ברויט, האבען זיך די דריי פרויען אוועקגעזעצט אין דעם סאלאן אויף די ווייכע שטולען — און האבען אנגעהויבען רעדען.

קיינער האט זיי נישט געשטערט, זיי זענען געווען גוט געשטימט און דערפאר זיך געפיהלט פערפליכטעט צו זיין פיין און פריינדליך איינע צו דער צווייטער.

זיי האבען אנגעהויבען רעדען פון ליבע, ווייל דאס איז דאך דאס בעסטע מיטעל צו רעדען צו אנ'אנדער פרוי — און דאס, אויף זייער ווייבערשען לשון, הייסט זיין פריינדליך.

די הויכע, די בלאנדע, — איצט רויטליך געווארענע פרוי, האט אנגעהויבען:

„דער דאזיגער האטעל דערמאנט מיך זעהר וועגען אנ'אנדערען ענליכען פלאץ. איך בין דארט געווען מיט יאהרען צוריק, דאס איז געווען נאך איידער איך בין געווען פערהייראט. איך האב דארט, אין יענעם האטעל, געוואוינט מיט מיין מוטער. איך האב זיך פלוצים אנגעהויבען פיהלען זעהר שוואך, דער דאקטאר האט געזאגט, אז דאס איז אנעמיע, און געהייסען פאהרען אין א וואלד, צו דער פרישער לופט. אין דעם דאזיגען האטעל איז געווען זעהר לאנגווייליג און מיר האבען שוין געוואלט אוועקפאהרען פון דעם האטעל, ווען פלוצים האט זיך בעוויזען צווישען די געסט א גאנץ נייער, א נאר-וואס אנגעקומענער. פון ערשטען בליק אן האט ער אויף מיר גאר קיין איינדרוק נישט געמאכט. איך האב געקאנט א סך מאל פערבייגעהן נעבען איהם און איהם אפילו נישט בעמערקען. אבער ביסלעכווייז האט ער געוואונען מיין אויפמערקזאמקייט. מיר האבען זיך בעקענט ביים עס-טיש, און באלד האט ער זיך פערליבט אין מיר.

„דאס איז געווען מיט יאהרען צוריק, און איצט קאן איך רעדען פון דעם מעהר אדער ווייניג רוהיג. די צייט איז דאך דער בעסטער פייער-אויסלעשער. אבער אין דער צייט איז געווען גאנץ אנדערש. מיט וואס פאר א צערטליכקייט ער האט ארומגערינגעלט מיין פערבלייבען אין האטעל. ער האט געזעהן, אז איך בין שוואך און קראנק, איז ער ארומגעגאנגען ארום מיר ווי א דערפארענע קראנקען-שוועסטער און דער רעזולטאט איז געווען, אז נישט די לופט און נישט די מעדיצינען מיט די טייערע דאקטוירים האבען מיך געזונד געמאכט, נאר-דוקא ער.

„איך האב אין מיין לעבען בעגעגענט א סך מענער און א סך זענען געווען גאנץ אויפמערקזאם צו מיר, נאר אזא ליבע און אזא איבערגעגעבענקייט, אזא גוטסקייט, האב איך קיינמאל נישט געטראפען."

„פארוואס זשע האט איהר מיט איהם נישט חתונה געהאט?" האט געפרעגט די דיקע פרוי.

„ווייל איך האב איהם פארט נישט גענוג געליבט. יא, ליב געהאט ווי א פריינד, ווי א ברודער, — אבער נישט מעהר."

„איהר האט געהאט מזל," האט די דיקע ברונעטקע, ד. ה. די אמאליגע ברונעטקע ווייטער גערעדט. „איך, ליידער, קען עס נישט זאגען וועגען מיר אליין. איך האב געטראפען אין מיין לעבען א מאן, וועלכען איך האב ליב געהאט און וועלכער איז געווען פאר מיר א זעהר גרויסע דערשיינונג אין מיין לעבען. — דאס, פערשטייט זיך, איז אויך געווען א היבש ביסעל צייט צוריק. צוויי מאל האב איך צוליב איהם פערזוכט צו בעגעהן זעלבסטמארד.

„איך האב געארבייט פאר איהם, האב געטון פאר איהם אלצדינג, וואס ער האט נאר פערלאנגט פון מיר. — ניין, נישט נאר דאס. ער האט גארנישט געדארפט פערלאנגען, ווייל איך האב אינסטינקטיוו שטענדיג געוואוסט, וואס ער וויל, און ער האט אפילו נישט געהאט די געלעגענהייט ארויסצורעדען זיין פערלאנג אדער זיין וואונש — איך האב דאס שוין געטון פריהער."

„האט איהר איהם געהייראט?", האט איצט א פרעג געטון די בלאנדע.

„ניין. איך וואלט עס אודאי געווען געטון, אבער איך בין שוין דעמאלט געווען פערהייראט מיט אנ'אנדערען. איהר קאנט זיך לייכט פארשטעלען, ווי מיין מאן האט זיך דעמאלט געפיהלט. איך בין אוועק פון הויז, געלעבט אין א צימער, און געלעבט מיט'ן געדאנק: היינט קומט מיין געליבטער... אויב נישט היינט, איז מארגען, איבערמארגען... — אט איז ער, ער איז מיט מיר!

אמעריקא ארבייט פאר'ן שלום / פון ל. בראנט

אויף דער זיצונג פון אמעריקאנער קאנגרעס דעם 2-טען דעצעמבער 1823 האט דער דעמאלדיגער פרעזידענט פון די פעראייניגטע שטאטען דזשעמס מאנ-ראע פייערליך פארמולירט די אידעע, לויט וועלכער עס דארף געהן די פא-ליטיק פון דער רעפובליק אויף יענער זייט ים: „אמעריקע פאר די אמערי-קאנער". די דאזיגע פארמול איז אריין אין דער געשיכטע אונטער'ן נאמען „די מאנראע-דאקטרין", און די דאקטרין איז טאקע געווען דער לאזונג, די ריכט ליניע פון אמעריקא'ס פאליטיק אין משך פון 19-טען יאהרהונדערט. אין דער צייט, ווען די מאנראע-דאק-טרין איז ארויסגעזאגט געווארען, זע-נען דערצו געווען ערנסטע סיבות, סיי דרום סיי צפון אמעריקא האבען געהאט ערנסטע גרונדען מורא צו האבען פאר דער עקספאנסיע פון די אייראפעאישע מלוכות. צווישען די פעראייניגטע שטא-טען און רוסלאנד איז אנגעוואקסען א קאנפליקט, ווייל די רעגירונג פון אלעק-סאנדער דעם 1-טען האט זיך נישט בעגנוגענט מיט דער קאלאניזאציע פון ווייטען סיביר, נאר האט אויך געפרובט אריבערווארפען איהרע קאלאניזאציע-מחנות אין צפון אמעריקא, אין די ווייטע מערב-געביטען פון די שטאטען.

פון דעמאלט אן האבען זיך די אומ-שטענדען ראדיקאל געביטען. קיין שום מלוכה בעדראהט נישט די אינטערעסען פון אמעריקא אין אמעריקא גופא, און אויב עס זענען פאראן מאמענטען פון מעגליכע קאנפליקטען, נעהמען זיי זיך פון דער קאנקורענץ צווישען אמעריקא און אנדערע מלוכות, אין גאר אנדערע לענדער און געביטען.

טעארעטיש גילט נאך ביי די אמע-ריקאנער דער לאזונג „אמעריקא פאר די אמעריקאנער", פראקטיש האט ער אנגענומען א ביסעל אנ'אנדער פארם: „אמעריקא פאר די פעראייניגטע שטא-טען". די מיטעל-אמעריקאנישע רעפוב-ליקעס זענען אייביג קאכעדיגע קעסלען, תמיד גרייט אויפצורייסען, די מעכטיגע פעראייניגטע שטאטען זענען אפס „גע-צוואונגען" צו אינטערווענירען מיט זיי-ער „מאראלישען" אויטאריטעט אין די ענינים פון די מעקסיקא'ס, ד. ה. אין די אויפרודערונגען, וואס זענען מעהר-סטענטיילס א רעזולטאט טאקע פון די דאזיגע אינטערווענצען, א רעזולטאט פון די מאטעריעלע אינטערעסען, וואס די פעראייניגטע שטאטען האבען אין דרום.

פון מעקסיקא האט מען שוין א גע-וויסע צייט נישט געהערט, דערפאר איז פאפולער געווארען אנ'אנדער מי-טעל-אמעריקאנישע רעפובליק — ניקא-ראגוא. דארט קומט פאר א קאמף צווי-שען די ליבעראלען און קאנסערוואטי-ווען. די רעגירונג פון די פעראייניגטע שטאטען האט ליבענסווירדיג אנגענומען די איינלאדונג פון די קאנסערוואטיווען צו קומען זיי צו הילף, און די ליבע-ראלען האבען גע...זט אוועקלעגען דאס געוועהר. די פעראייניגטע שטאטען האבען איבערגעלאזט אין ניקאראגוא א שטארקען דעסאנט, „כדי צו זיכערען די פרייע וואהלען צום פארלאמענט", דער דעסאנט איז איבערגעפאלען גע-ווארען, און איצט האט קולידזש'ס רע-גירונג פרייע הענד צו מאכען ארדנונג אין לאנד, ד. ה. צו פערזיכערען זיך די ערפאלגרייכע דורכפיהרונג פון איהר איינגענטליכען ציל, דהיינו: ניקאראגוא דארף ווערען דאס געביט, דורך וועל-כען די פעראייניגטע שטאטען ווילען דורכפיהרען א נייעם קאנאל אויף צו פערבינדען דעם אטלאנטישען מיט דעם שטילען אקעאן; דער איצטיגער פאנאמא-קאנאל ווייזט זיך ארויס פאר נישט גע-ניגענד אויף צו זיכערען די סטראטע-גישע און קאמערציעלע אינטערעסען פון וואשינגטאן און ניו-יארק.

געגען דעם קליינעם ניקאראגוא ווערט בעגאנגען א בולט'ע און גע-וואלדיגע עולה. דאס לאנד רעכצט אונ-טער דער אקופאציע פון די פעראייניג-טע שטאטען ביים אקאמפאנימענט פון די פערפולקאמענע אמעריקאנער האר-מאטען און ביקסען, און כדי צו דער-שטיקען די קרעכצען און די שאסען, כדי צו בערוהיגען די עפענטליכע מיי-נונג אין אמעריקא גופא, בפרט ווייל עס געהט צו וואהלען, האט די וואש-ינגטאנער רעגירונג געמאכט א ברייטען שלום-זשעסט.

די געלעגענהייט פאר דעם זשעסט איז געווען א גינסטיגע, פראנקרייך האט פארגעלעגט צו בענייען דעם פראנצע-זיש-אמעריקאנישען ארביטראזש-אפמאך, וואס איז געשלאסען געווארען אין יאהר 1908 און וואס זיין טערמין ענדיגט זיך איצט. אמעריקא האט געענטפערט, אז זי איז גרייט דעם אפמאך צו בע-נייען, עס ווערען בלויז אריינגעטראגען קליינע ענדערונגען. דער אלטער אפ-מאך האט זיך נישט בעצויגען אויף פראגען, וואס בעריהרען „לעבענס-אינ-טערעסען, אונאפהענגיגקייט און נאציא-נאלע עהרע" פון די צדדים. דער ניי-ער אמעריקאנער פראיעקט לעגט פאר אויסצושליסען פון ארביטראזש פראגען, וואס זענען נוגע „דער אינערליכער פא-ליטיק אדער זענען פערבונדען מיט דער מאנראע-דאקטרין, אויך קאנפליק-טען, אין וועלכע עס זענען פערמישט דריטע מלוכות".

אבער נישט אין דעם ליגט דער „קלו" פון אמעריקאנישען פארשלאג. קעלאג, דער שטאטס-סעקרעטאר פאר אויסערן-ענינים האלט, אז ס'וואלט גע-ווען א סך צוועקמעסיגער, ווען אלע גרעסטע מלוכות שרייבען ביי דער גע-לעגענהייט אונטער א פייערלי...ע דע-קלאראציע, וואס פעראורטיילט דעם קריג אין יעדער פארם, וואס שטעלט דעם קריג „אויסערן געזעץ".

אמעריקא, זעהען מיר, וויל שענקען דער וועלט א נייעם פרידענס-משיח. איינעם האט אמעריקא שוין געגעבען: דאס איז געווען ווילסאן, וועלכער האט זיך ארפגעלאזט קיין ווערסאל מיט די לוחות פון די בעריהמטע 14 פונקטען. איצט נעהמט אויף זיך די ראלע פון שלום-אפאסטאל דער גרויסער „שותק" פון וואשינגטאן, ווי מ'רופט דעם פרע-זידענט קולידזש.

קולידזש'ס שלום-אפענבארונג האט אבער אין זיך עטליכע קארדינאלע חסרונות: ערשטענס, איז זי אלט, ווייל איבער דעמזעלבען פראבלעם פון אל-געמיינעם און אייביגען שלום ברעכען זיך אומזיסט אלע פאליטישע קעפ אין אייראפע פון זינט די ארמייען האבען זיך אויפגעהערט צו ברעכען די קעפ אויף די שלאכט-פעלדער; דעם ציל פון זיכערען דעם שלום האט אייגענט-ליך די פעלקער-ליגע, וועלכע טראכט אלע מאל צו פאר דעם צוועק נייע פארמולעס; קולידזש פערשמעלערט דעם צוזאמענשטעל פון דער פעלקער-ליגע, וועלענדיג שאפען א מין נייעם בונד, וואס זאל בעשטעהן בלויז פון די גרוי-סע און מעכטיגע מלוכות, די פארמולע „יעדער קריג אויסערן געזעץ" איז ביי די איצטיגע פערהעלטענישען צווישען די מלוכות אזוי ברייט, אז זי דער-פיהרט דעם גאנצען געדאנק וועגען קאמף געגען די קריגס-געפאהרען צו אנ'אבסורד, און קאן מצד די אייראפעאישע מלוכות בעגעגענט ווערען נישט אנדערש, ווי א שטייגער ליטווינאוו'ס פארשלאג וועגען פולשטענדיגער און אלגעמיינער ענטוואפנונג.

די וואשינגטאנער רעגירונג האט זיך אין די אויגען פון אייראפע געשטעלט אין דער לאגע פון א רעדנער, וועלכער געהט ארויף אויף דער טריבונע און חזר'ט איבער אין א בעדייטענד אומ-קלארער און פערפלאנטערטער פארם דאס, וואס איז געזאגט געווארען דורך אלע פריערדיגע רעדעס. מ'ענטפערט טא-קע קעלאג'ן: וואס טויגען די אלע נייע קאמבינאציעס, זאל בעסער אמעריקא אריינטרעטען אין פעלקער-בונד און אפשר אויך לאזען א רייד טון וועגען אנולירען אדער לכל הפחות פערקלי-נערען די אונגעהויערע חובות, וואס די אייראפעאישע מלוכות זענען שולדיג אין אמעריקא.

דער אמעריקאנישער פארשלאג איז איינע פון די פיל — נישט די בעסטע און נישט די געלונגענסטע — אפשרע-קונגען געגען קריג, וועלכע זענען פונקט אזוי מסוגל צו פערשטארקען די שלום-זיכערקייט אויף דער וועלט, ווי אנ'אפ-שפרעכונג פון א גוט-אויג איז מסוגל צו פערהיטען פאר א קאטאר. דער אמת'ער ציל — צו מאסקירען די גע-וואלדיגע אמעריקאנער בעוואפנונג און צו פערשטעלען די יד-חזקה, מיט וועל-כער וואשינגטאן פיהרט פאליטיק אויף קאלומבוס'עס קאנטינענט — וועט גיכער דערגרייכט ווערען: א שלום-טומעל איז אויפגעהויבען געווארען א גראנדיעזער, גאר אזעלכער, ווי דאס איז פעהיג צו טון די עכט-אמעריקאנער רעקלאמע-מאכעריי.

די וואהל-גרופירונגען
אויף דער אלגעמיינער און יודישער גאס

ביי קיין שום וואהל-קאמפאניע איז די געזעלשאפט אין פוילען נישט גע-ווען אזוי צעשפליטערט און דעזאר-יענטירט, ווי בעת די איצטיגע וואהלען צום סיים און סענאט. אינ'ם יונגען פוילען קומען פאר די וואהלען צום סיים שוין צום דריטען מאל. נאר א חוץ די וואהלען צום סיים זענען שוין אויף פארגעקומען א פאר וואהל-קאמ-פאניעס צו די שטאט-ראטען א. א. נ. אנ'אינטערעסאנטע ערשיינונג בעמערקט זיך היינטיגעס מאל: אלע פארטייען שא-צען איבער זייערע ווערטען, אלע פאר-טייען, וועלכע האבען עקזיסטירט ביז איצט, זענען צוטרייסעלט און צושפאל-טען אין דער קווער און אין דער טיף. נישט בערירט זענען געבליבען בלויז די פ. פ. ס. און די יודישע סאציאליס-טישע פארטייען.

אויף דער פוילישער גאס זענען ביז איצט טעטיג געווען 2 גרויסע גרופי-רונגען: פון איין זייט די ענדעציע מיט איהרע שותפים „פיאסט" און כ. ד. מיט די קלענערע גרופען, וואס האבען זיך פולשטענדיג געפונען אונטער זייער השפעה, און פון דער צווייטער זייט די ראדיקאלע פויערים-פארטיי „וויזוואלע-ניע" און די פוילישע סאציאליסטישע פארטיי. ס'זענען געווען נאך א רייה קלענערע פארטייען, וועלכע האבען אבער קיין גרויסע השפעה נישט גע-האט. אנ'אריגינעלע ערשיינונג אינ'ם פאליטישען לעבען פון פוילען איז גע-ווען, אז ס'האט כמעט נישט עקזיסטירט קיין צענטער, און די פוילישע דעמא-קראטיע איז געווען זעהר קנאפ פער-טראטען אינ'ם פאליטישען לעבען. אזוי האט עס געדויערט ביז דער מאי-איבערקעהרעניש, ווען צום רודער איז געקומען מארשאל פילסודסקי.

די איבערקעהרעניש און דער אומ-שטאנד, וואס צום רודער זענען געקו-מען פיל מענשען גאנץ נייע, נישט קיין אנגאזשירטע אין פאליטישע פארטייען, האט געשאפען א נייע אטמאספער. דעם ארט פון א פארטיי-פראגראם האט פער-נומען א פערזאן, וועלכע האט געווא-רען דעם לאזונג פון אויסראטען די קא-רופציע, וואס האט זיך שטארק בעהאט איינגעגעסען אין דעם מלוכה-ארגאניזם. די פערזאן פון פילסודסקי איז געווא-רען דאס פראגראם פון די, וואס הא-בען זיך ארום איהם גרופירט. אין די צושלאגענע פארטייען איז געווארען א מהומה. די ענדעציע האט פערלוירען איהר כשוף-כח, מיט וועלכען זי האט פריהער בעהערשט דאס פוילישע ביר-גערטום, און אין די רייהען פון אלע פארטייען האט זיך אנגעהויבען א רע-וויזיע פון די פראגראמען און אין איי-נער נאך דער אנדערער האבען זיך אנ-געהויבען ארויסווייזען חלוקי דעות אויפ'ן באדען פון זייער בעציהונג צו דער רעגירונג פון מארשאל פילסודסקי.

די רעגירונג האט אין אלטען סיים נישט געהאט פאר זיך קיין מעהרהייט. זי בעמיהט זיך אינ'ם נייעם סיים אזא מעהרהייט צו שאפען, און די סיטואציע איז איצט אזא, אז כמעט אין אלע גרויסע און קליינע פארטייען זענען פארגעקומען שפאלטונגען אויף דעם באדען פון בעציהונג צו דער רעגירונג פון מארשאל פילסודסקי. די ענדעציע איז צעבראכען, פיאסט איז געשפאלטען, די כ. ד. זענען געשפאלטען און נישט איינהייטליך אין זייער שטעלונג צו דער איצטיגער רעגירונג. די אמאליגע רעכטע פעראייניגונג, וואס האט געביל-דעט א מעהרהייט אין סיים און סענאט איז צושפליטערט. אבער די דאזיגע צושפליטערונג האט געטראפען אויך אין די אנדערע גרופען, אנהויבענדיג פון „וויזוואלעניע" און די אנדערע פויערים-גרופירונגען און ענדיגענדיג מיט די פערשידענע גרופען פון די נאציאנאלע מינדערהייטען.

בעת די וואהלען צום סיים אין 1922 י. האבען די נאציאנאלע מינדערהייטען, שיצענדיג זיך געגען דעם וואהל-געזעץ פון ליטאסלאווסקי און גלאמבינסקי, גע-בילדעט א בלאק, דאס פאפולערע „זעכ-צענטעל". צו דעם דאזיגען בלאק הא-בען געהערט אלע נאציאנאלע מינדער-הייטען און אין די מינדערהייטען אלע גרופען, אנהויבענדיג פון די מאנארכיס-טען (סערעבריאניקאוו) ביז די סאציא-ליסטען און עקסט-לינקע. אנ'אויסנאהם האבען נאר געבילדעט די יודישע סא-ציאליסטישע פארטייען „בונד" און „פועלי-ציון" און די פאלקיסטען, פון וועלכע בלויז די פאלקיסטען האבען אין ווארשא בעקומען א מאנדאט.

היינטיגעס מאל איז אויך דא אנדערש. ביי אלע נאציאנאלע מינדערהייטען האבען זיך אויסגעבילדעט שטארקע סאציאליסטישע פארטייען, וועלכע גע-העו איצט בעזונדער און שטעלען דעם סאציאלען מאמענט אויף דעם ערשטען פלאן. די דייטשע סאציאליסטישע אר-בייטער-פארטיי האט זיך צוזאמענגערעדט מיט די פ. פ. ס. און געהט מיט זיי אפילו אין אויבערשלעזיען, וואו דער נאציאנאלער מאמענט איז ביי די דייטשען זעהר שטארק, אפילו אין א געוויסער מאס קרענקליך ענטוויי-קעלט; די אוקראינער סאציאליסטישע פארטייען מעסיגע און לינקע געהען בעזונדער, און ס'איז נאך ביז איצט נישט בעקאנט, צי זיי האבען געשלאסען, וועלכען ס'איז נישט אפמאך מיט אנד. סאציאליסטישע פארטייען. ביי די ווייס-רוסען איז די לינקע „הראמאדע" צו-שמעטערט און זי ווייזט נישט ארויס קיין אקטיוויטעט, יעדענפאלס — ביז איצט.

א בעזונדער קאפיטעל איז די לאגע ביי יודען דא איז די צושפליטערונג א געוואלדיגע. צום בלאק פון די נא-ציאנאלע מינדערהייטען געהערען די בירגערליכע ציוניסטען פון אלע שאטי-רונגען, דער צענטראלער האנדווערקער-פערבאנד, די פאלקיסטישע דעמאקרא-טען און דער ציונ. פרויען - פעראיין. אויך ביי ציוניסטען אין די ליניע נישט קיין איינהייטליכע, אזוי זענען די גא-ליציאנער ציוניסטען צום מינדערהייט-בלאק נישט צוגעשטאנען.

אין דער זעלבער צייט האט זיך אר-גאניזירט א נייער יודיש - נאציאנא-לער בלאק, צו וועלכען ס'זענען צוגע-שטאנען די אגודה, די פאלקיסטען פון פרילוצקי'ס גרופע און דער קליינהענד-לער פערבאנד.

ביי די יודען האט זיך עס אויסגע-בילדעט, אז די ווירטשאפטליכע ארגא-ניזאציעס שפילען, אדער ווילען וועה-ניגסטענס שפילען, אין פאליטישען לע-בען א זעלבסטשטענדיגע ראל און צו די פערשידענע בלאקען שליסען זיך אן די האנדווערקער, די קליינהענדלער, די סוחרים. די דאזיגע ווירטשאפטליכע אר-גאניזאציעס גיבען די געלעגענהייט גע-וויסע שיכטען, וואס האבען שוין זייער פאליטיש לידעל לאנג אפגעזונגען אונ-טער אנ'אנדער נאמען צו ערשיינען אויף דער אויבערפלעכע פון געזעל-שאפטליכען און פאליטישען לעבען. ספעציעל בולט ווייזט זיך ארויס די דא-זיגע ערשיינונג ביים סוחרטום, וואו די אסימילאציע אונטער'ן שילדעל פון ווירט-שאפטס-טעטיגקייט בויט זיך א פעסטע נעסט. אזוי איז עס אין לעמבערג, אזוי איז עס אין ווארשא אזוי איז טיילוויז אין לאדז.

דאס סוחרטום איז נאך ביז איצט צו קיין שום פון די בלאקען נישט צוגע-שטאנען, הגם לויט די שטימונגען פון די פיהרענדע קרייזען איז פארויסצוזעהן, אז טיילוויז וועלען זיי צושטעהען צום אגודה-פאלקיסטישען נאציאנאלען בלאק און טיילוויז גיבען פרייע הענד זייערע מיטגלידער.

א נייע גרופע אויף דער יודישער גאס זענען די „אומפארטייאיש רעליגיעזע". דאס זענען די חסידים, וואס געהערען נישט צו דער אגודה. לויט'ן מהות פון דער גרופע און לויט די מאטיוון פון זייער עקזיסטענץ וואלטען זיי אלס גע-נגער פון דער „אגודה" זיך געדארפט אנשליסען צום מינדערהייטס-בלאק. די גרופע וויל אבער נישט איבערלאזען דער אגודה דעם מאנאפאל אויף „לאיא-ליטעט" בנוגע דער איצטיגער רעגירונג.

די איצטיגע רעגירונג האט אבער אונצווייידייטליך ערקלערט, אז זי בע-טראכט דעם יודישען בלאק ביי די נא-ציאנאלע מינדערהייטען פאר אונלאיאל. ס'איז דעריבער צו דערווארטען, אז די „אומפארטייאישע" וועלען זיך אינ'ם דאזיגען בלאק נישט אנשליסען. שווער איז זיי אבער אויך צו געהען מיט'ן אגודה-פאלקיסטישען בלאק, וואו זיי וועלען זיין א פינפטע ראד צום וואגען בעת דער הויפטגעגנער, די אגודה, וועט דארט שפילען די ערשטע פידעל. איז טאקי ביי זיי אויפגעשוואומען א נייע קאנצעפציע צו שטימען פאר דער „סא-נאציע" און אפהיטען זייער „לאיאלי-טעט" אדער גיבען פרייע הענט זייע-רע אנהענגער. קיין בעשלוס האבען זיי נאך נישט אנגענומען.

די יודישע סאציאליסטישע פארטיי-ען „בונד" און „פועלי ציון" האבען געהאט געפיהרט אונטערהאנדלונ-גען וועגען א בלאק. פאר'ן דא-זיגען בלאק האבען די יודישע בירגער-ליכע א ביסעל מורא געהאט. דער בלאק איז אבער נישט צושטאנד געקו-מען ווייל „בונד" האט פארלאנגט די ערשטע צוויי זיכערע מאנדאטען. דיביידע פארטייען געהען צו די וואהלען בעזונדער אהן אויסזיכטען אויף ער-פאלג. דער „בונד" פיהרט אונטערהאנד-לונגען מיט די פ.פ.ס. אין קאנגרעס-פוילען און אין גאליציען, אז פ... שטיצען די פ.פ.ס.-ליסטע איי... וואהל-ראיאנען זאל ער... ארט אויף דער ר... די דאזיגע... נאך נישט...

קבצנאָווסקי, דלפונאָוויטש און אביונזאָן

אַוואַנטורעס פון 3 לאָדזער וואַגאַבונדען ----- (פון די לאָדזער מעשיות)

אַלע יאָהרען האָבען זיך 3 לאָדזער קאָנצעסיאָנירטע קלאַמקע - הייבער און זאַפּאַמאָגע-נעמער דלפונ'אָוויטש, קבצנ'אָווסקי און אביונ'זאָן אַרומגעוואַרגעלט אין די פּאָטשעקאַלניעס פון די פערשידענע דאָבּראָטשינאָשטשען אָדער אין די קאָרידאָרען פון די כלל-פערזאָרגער און אַנדערע קאַרפען-קעפּ, האָפענדיג מיט'ן גרעסטען געדולד אָדער אונגעדולד, אפשר וועט דאָך אַמאָל פון אַזאַ פילאַנטראָפּ אַרויסטראָפּען אַ מאָגער פינפ'ערל.

איינמאָל, שטייענדיג, ווי געוועהנליך, אין אַ קילאָמעטער-לאַנגער רייהע פאַר אַ שנאָרער - פאַבּריקעל, האָבען אונזערע דריי פערשוינען אָנגעהויבען זיך אַריינצוטראַכטען אין זייער ביטערען גורל. נאָך לאַנגע טראַכטענישען זענען זיי געקומען צום אויספיהר, אַז פון קיצבה-ברויט ווערען זיי שוין זייערע בּוגרות'ן די קעפּ נישט פערדעקען און אפילו אויך נישט האָבען אַ לייטישען שבת אָנצוגרייטען.

זיי האָבען דעריבער בעשלאָסען צו געזעגענען זיך מיט'ן דלות, אַרויסצוקריכען פון די פייכטע קעלערס און געהן פּרובען גליק אויף דער ברייטער וועלט. נישט קשה, האָבען זיי זיך געטראַכט, אויף דרעהען דעם רעגולאַטאָר זענען מיר אויך נישט קיין קלענערע קנאַקערס, ווי אַנדערע גאַליציאַנער פעקעל-נעה ער.

די דריי שלימ-מזל'ניקעס האָבען שנעל אַראָפּגעוואָרפען פון זיך די לאַכמאַנעס, גענומען אין ערגיץ אויף אָפּניק-געלד געפּרעסטע אַנצעגער און שטייפע פאַלטענס, געפּאַקט ביי אַ פרייער אַ גמילת חסד'ל אויף אַ באַהן-בילעט און היידא – קיין דאַנציג.

אין דאַנציג זענען זיך די חברה לייט פערפאַהרען אין דריי גאַנץ בעזונדערע האָטעלען. דלפונ'אָוויטש, וועלכער איז געזעסען אויף רזשאָנדאָווע קעסט אויף אַלע תנאים'ס חתונות און בּרית'ן, האָט זיך דורך דער צייט דאָראָבּיעט אַ נישט קשה'דיג בייכל. אין דער איבערן ווערטעל פערשפּילטער געלער דיווישקע, וואָס ער האָט אַנומאָל געקויפט פאַר אַ פאָר גראָשען אויפ'ן שאַכער-מאַרק און אויך די שמאָטשאַרסקע סיגנעטלעך מיט די בלישטשעדיגע „וואַרשאָווער" בּריליאַנטען, וואָס ער האָט געטראָגען אויף די פעטע פינגער. אין דער דאָזיגער פּאָזיציע האָט ער אויסגעזעהן שיער נישט ווי אַנ'אמת'ער וויאָגניע-פאַבּריקאַנט. דערפאַר טאַקע האָט ער זיך פערגינען צו בעזעצען אין אַנ'ערשט-קלאַסיגען האָטעל.

קבצנ'אָווסקי האָט שוין געהאַט אַ מאָגערען קאַרק און געטראָגען דינערע בּיזשוטעריע און דעריבער זיך בעניגענט מיט אַ צווייט-קלאַסיגען האָטעל.

אביונ'זאָהן איז געווען נאָך אויף גרעסערע צרות און ממילא איז ער פערקראָכען אין אַנ'איינפאַכע קרעטשמע.

חברה האָבען פערשטאַנען, אַז אויף קוקען אין הימעל אַריין און ציילען די שטערען איז לאָדז אויך נאָך אַ שטאָט און דערצו האָבען זיי נאָך נישט גע-דאַרפען פערבלאָנדזשען אַזש קיין דאַנ-ציג. די ספּולקע האָט דעריבער אַרויס-געריקט דלפונ'אָוויטש'ן און בעפאָל-מעכטיגט איהם ווי אַמשנעלסטען צו פאַ-קען עפּעס אַ פרייער.

ווי זאָגען לאָדזער מאַרוויכער: יאָל-דען וואַקסען ווי שוואַמען. דלפונ'אָוויטש האָט טאַקע לאַנג נישט געטראַכט, אָפּ-געשטעלט זיך פאַר'ן ערשטען בעסטען מאַנופאַקטור-לאַגער, פערקעמט זיך די גזשיבקע נאַ יעוש, פערשפּיצט די באַ-קענבּערד און זיך מעשה תקף אַריינגע-שיבּט אין געשעפט.

דלפונ'אָוויטש האָט פערשטאַנען, אַז מיט די לאַפּיטוטען-סוביעקטען וועט ער צו קיין טאָלק נישט קומען און דעריבער האָט ער זיך גלייך געהייסען מעל-דען צום דירעקטאָר.

פאַר'ן דירעקטאָר, אַנ'אַלטען יעקע מיט אַ פאָר גרויסע יענקישע שפּאַקולען – האָט זיך דלפונ'אָוויטש פאָרגעשטעלט אַלס גרויסער הורט-מאַנופאַקטוריסט פון ריפּין, וועלכער איז געקומען קיין דאַנ-ציג איינקויפען אַ גרויסען אַסאָרטאַמענט ווינטער-סחורות.

דער יעקע האָט דלפונ'אָוויטש'ען אָפּ-געמאָסטען און אָפּגעוואויגען פון קאָפּ ביז די פיס און אַ פרעג געטון מכוח יענע זיבען זאַכען.

דלפונ'אָוויטש האָט פאָרגעלייגט דע-קונג אויף פאָלגענדען אופן:

40 פּראָצ. קונדישע וועקסלען און 60 פּראָצ. מזומן תיכף אָבער ערשט אין אַ חודש אַרום.

דער יעקע האָט זיך אַ ביסעל געוואַ-קעלט. עפּיס איז איהם די נאָז פון דאָ-זיגען פּוילישען נעגאָדיאַנט נישט גע-פעלען. ער האָט זיך יעדענפאַלס עלע-גאַנט ענטשולדיגט פאַר דלפונ'אָוויטשען, געבעטען דעם נומער פון זיין האָטעל-טעלעפאָן און צוגעזאָגט די טראַנזאַקציע צו שליסען אויפ'ן בעסטען אופן.

עס איז איבעריג צו בעמערקען, אַז דער דירעקטאָר האָט געהאַט בעשלאָסען דערווייל זיך צו אינפאָרמירען וועגען די צאָהל-פעהיגקייט פון דלפונ'אָוויטש'ן און זיינע זשיראַנטען

אָבער ווי דלפונ'אָוויטש איז צוריק-געקומען אין האָטעל מיט דער בשורה, אַז עס לאָזט זיך פידלען, האָבען שוין אויף איהם דאָרט געוואַרט אומגעדולדיג די צוויי ספּולניקעס קבצנ'אָווסקי און אביונזאָהן. חברה האָבען בעשלאָ-סען צו שמירען דאָס אייזען כל זמן עס גליהט... קבצנ'אָווסקי האָט פער-קאָטשעט די פאָלעס און הענדוס-פענדוס זיך געלאָזט אין אָנגעוויזענעם געשעפט. אַריינקומענדיג אין געשעפט, איז ער נישט דרייסט צוגעגאַנגען צום ערשטען טיש און געבעטען דעם פּריקאַזטשיק אויסקלויבען אַ 2 – 3 שטיקלעך פון בי-ליגסטען סאָרט סחורה.

אויף דער בעמערקונג פון אָנגעשטעל-טען, פאַרוואָס ער גיט אַזוי ווייניג צו לייזען, האָט קבצנ'אָווסקי געענטפערט אַז ער האָט שוין אַפּילו איינגעקויפט נאָך סחורות אין פערשידענע אַנדערע געשעפטען. גראַדע פון דעם סאָרט פעלט איהם אויס איינינגע שטיקלעך, מעהר איז ער דאָס מאָל נישט אומ-שטאַנד צו קויפען, ווייל ער איז אַ קליינהענדלער. מסתמא האָט איהם דער אָנגעשטעלטער געפרעגט פון וואַנען ער קומט. קבצנ'אָווסקי האָט איהם געענט-פערט, אַז פון רופּין.

דערהערענדיג, אַז דער „קאָופמאַן איזט אויס רופּין", האָט דער אָנגע-שטעלטער איהם דערצעהלט, אַז ס'וואַר דאַ היער אויך איין קאָופמאַן אויס רופּין און האַטטע איינע גרויסע בעשטעלונג געמאַכט".

קבצנ'אָווסקי האָט זיך געמאַכט גע-פּגרט און אַ פרעג געטון דעם אָנגע-שטעלטען, ווי הייסט דער קאָופמאַן? דלפונ'אָוויטש האָט דער אָנגעשטעלטער געענטפערט. „אַך יאַ, דער הער דלפונ'-אָוויטש – דער איזט איין רייכער קערל, ער האָט אין רופּין איין ריזיגעס גע-שעפט און צוויי גרויסע הייזער און לאַנד-גיטער, צו איהם קאָן איך מיך נישט גלייכען, איך בין איין אַרמער קליינהענדלער". דערהערענדיג וועגען דלפונ'אָוויטשען אַזאַ אויסקונפט, האָט דער אָנגעשטעלטער פאַר פרייד פשוט אָנגעהויבען צו טאַנצען, ער האָט גע-כאַפּט קבצנ'אָווסקי'ן און איהם אַריינ-געשלעפּט צום דירעקטאָר אין קאַבּי-נעט.

קבצנ'אָווסקי האָט געלאָזט די בלאָ-פאַרניע אַזוי צוּבריקעווען, אַז דער די-רעקטאָר האָט זיך אינגאַנצען פערלוירען און נישט געוואוסט פשוט ווי אַזוי צו בּרענגען דלפונ'אָוויטשען אין געשעפט.

אָפּטוענדיג דאָס שטיקעל אַרבּייט, האָט קבצנ'אָווסקי זיך געזעגענט מיט'ן דירעקטאָר און פערסאָנאַל, בעקומען פון אַלעמען אַ הערצליכען דאַנק פאַר דער אינפאָרמאַציע און שנעל אַהין צו דלפונ'אָוויטשען און האָט אָפּגעגע-בען אַ גענויען בּעריכט, ווי דער עסק האַלט.

באַלד ווי קבצנ'אָווסקי איז אַוועקגע-גאַנגען פון געשעפט, האָט דער דירעק-טאָר אָנגעקלונגען אין האָטעל צו דלפונ'-אָוויטשען און געהייסען איהם בעטען צום טעלעפאָן.

דלפונ'אָוויטש האָט בעפוילען דעם דינער צו ענטפערען דעם דירעקטאָר, אַז ער איז איצט פערנומען מיט אַ דרינגענדען געשעפטס-ענין און ער קאָן איצט מיט קיינעם נישט רעדען.

דעם דירעקטאָר איז פון אַזאַ תשובה געוואָרען הייס און קאַלט אין אַלע ביי-נער, ער האָט זיך אָנגעצונדען אויפ'ן פערסאָנאַל, הלמאי זיי האָבען זיך אַזוי גלייכגילטיג בעצויגען צום קויפמאַן דלפונ'אָוויטש און דעריבער וועט אַזאַ גוטע טראַנזאַקציע געשלאָסען ווערען מיט אַנ'אַנדערע פירמע. אינדעם קומט אַריין ווי קיינמאָל גאָרנישט אביונ'זאָהן. עס קומט פאַר מיט איהם די זעלבע סצענע, וואָס מיט קבצנ'אָווסקין. ער וועהלט זיך אויך אויס 2 שטיקלעך פון די ביליגסטע סחורות. דער אָנגעשטעל-טער שטעלט אויך איהם די זעלבע קלאָץ-קשיה, פאַרוואָס ער קויפט אַזוי ווייניג. אביונ'זאָהן גיט איהם אויך דעם זעלבען ענטפער, אַז אַלס קליינשטעטעל-דיגער מאַרק-שטייער, איז ער נישט ביכולת מעהר צו קויפען. אויך דאָס מאָל מוז דער נאַרישער יעקע דוקא וויסען פון וואַנען דער קויפמאַן שטאַמט.

דערהערענדיג, אַז פון רופּין, פער-געסט ער איהם אויך נישט צו דער-צעהלען וועגען דעם קנין פון דלפונ'-אָוויטשען.

פערשטעהט זיך, אַז מעהר האָט שוין אביונ'זאָהן נישט געדאַרפט. ער האָט אָנגעהויבען צו שילדערען אין אַזעלכע בּולט'ע פאַרבען די רייכטימער פון דלפונ'אָוויטשען, אַז דעם סוביעקט האָט פשוט דער קאָפּ אָנגעהויבען צו דרייען.

אויך אביונ'זאָהנען האָט מען אַריינ-געשלעפּט צום דירעקטאָר, פאַר וועל-כען ער האָט די גאַנצע דעקלאַמאַציע נאָכאַמאָל איבערגע'חזר'ט מיט אַלע פּיטשעווקעס.

נאָך אַזעלכע „גינסטיגע און קלאָרע" אינפאָרמאַציעס, האָט שוין דער די-רעקטאָר מורא געהאַט אַפּילו אַנ'איבע-ריגע מינוט צו פערלירען. ער האָט פּעראָרדענט דעם פּערזאָנאַל איילִיג צו צוגרייטען די בעשטעלונג און אַליין מיט די אָנגעזעהענסטע בעאַמטע איז ער אַוועק צו דלפונ'אָוויטשען אין האָטעל.

ארגוס.

(סוף זונטאָג).

אין באַלוטער שטובען

בילדלעך פון נויט און עלענד

רחל'ע.

אין באַלוט האָט מען איהר נישט אַנ-דערש גערופען, ווי רחל'ע „אַדוואָקאַ-טען-קאָפּ". זי איז געווען דער שטאָלץ פון אַלע באַלוטער ווייבער:

– רחל'ע קאָן צעהן מאַנספערשוינען פון איין אַרבעל אַרויסשאָקלען... אַזוי האָבען וועגען איהר אַלע ווייבער אין באַלוט גערעדט און ווער עס האָט גע-האַט אַ ביטער הארץ, אַ שווער געמיט איז געקומען פאַר רחל'ען אַראָפּווייגען, אויסריידען זיך און רחל'ע האָט פאַר יעדען געהאַט אַ גוט וואָרט, אַ גוטע עצה און בריף האָט זי געשריבען פאַר די ווייבער, וואָס האָבען מאַנען אין אַמעריקאַ, צו רייכע פעטערס... בריף, וועלכע האָבען געקענט אַ טויטען ריה-רען, און די ווייבער האָבען איהר דער-פאַר לאַנגע יאָהרען און אַלדאָס גוטס אָנגעוואונשען...

אַזוי האָט רחל'ע די אַלמנה געלעבט בכבוד און אין דחקות אין אַ געסעל, ערגעץ אין באַלוט. פרנסה געצויגען פון אַ קליין הערינג-געוועלבעל און אויפגע-האָדעוועט די צוויי טעכטערלעך, וואָס זענען איהר געבליבען פון מאַן, זאָל זיין אָפּגעשיידט...

אַז זי איז געבליבען מיט יאָהרען צוריק אַנ'אַלמנה – אַ שברי כלי, אַ קראַנקע אויף אַלע אברים, מיט צוויי פיצעלעך מיידלעך, האָבען איהר די שכנטעס גע'עצה'ט, זי זאָל די קינדער אוועקגעבען ערגיץ אין אַ יתומים-הויז, עלעהיי ס'וועט איהר לייכטער זיין...

רחל'ע האָט אָבער נישט געוואָלט הע-רען דערפון. ערשטענס, האָט זי גע-זאָגט, ווייל זי נישט צעטרענסלען די קינדערלעך, איינס דאַ און איינס דאָרט, ווייל אַ מאַמע, האָט זי געזאָגט, איז איין גוף מיט די קינדער און וואָס איז שוין, מ'שטיינס געזאָגט, אַ גוף, אַז מען צעביינערט איהם: איין האַנד דאַ און איין האַנד דאָרט?.. און צווייטענס, האָט זי געטענה'ט, זענען מיידלעך נישט קיין יונגלעך, אַ יונגעל, ס'לערנט זיך אויס עברי, אַ פרשה חומש, ווערט עס אַ בעל-מלאכה, אַ שוסטער, אַ שניידער, צי גאָר עס געהט האַנדלען אין גאַס אַריין; מיידלעך אָבער דאַרפען קודם-כל ביז פערצעהן יאָהר לערנען זיך און דער-נאָך ערשט, אַז זיי קומען צום שכל – דאַרף ערשט אויפסנייַ דער מאַמענס אויג איבער זיי וואַכען... – אוי געפּוּ-נען זיך שלעכטע מענשען, וואָס לאָקע-רען אויף אומשולדיגע מיידלעך!..

און רחל'ע האָט איהרס אויסגעפיהרט. די אויסגעדרעהטע פיס נאָך מעהר אויס-געדרעהט, די ביינערדיגע הענד זיך נאָך מעהר אויסגעביינערט און די קינ-דער דערצויגען, לערנען זיי געלאָזט, לייטישע קליידלעך געמאַכט, אַ שירצעל, אַ פאָר שיכלעך – אַ קניפּ זיך אין באַק, אַבי די פאַרב זאָל בלייבען... איז דאָס שטיבעל קליין געווען און ענג געווען – איז עס אייביג לייטיש צוגערוימט גע-ווען, די פאָדלאָגע אויסגעקערט, די בע-טען אויפגעבעט – עס דאַרף דאָך קיי-נער נישט זעהן, וואָס אין האַרץ טוט זיך...

אָוונד-צייט, אַז רחל'ע איז פון גע-וועלבעל אַהיימגעקומען זענען ביידע מיידלעך ביים טיש געזעסען, און האָ-בען געשריבען צי געלייענט עפּיס, האָט רחל'ע פון זיך די פערפעצטע הערינג-יאַקע אַראָפּגעוואָרפען און זיך אויך אוועקגעזעצט ביים טיש אַ קליידעל פער-ריכטען, אַ שירצעל פערלאַטען, אַ שטרימפּף פערצערווען און געכאַפּט נחת-דיגע בליקען אויף די ריינע, רונדיגע פנים'לעך פון די צוויי מיידלעך, אויף די ווייכע, זיידענע הערעלעך, זענען איהר אין אויסגעטריקענטען האַרץ פריי-שע כּוחות צוגעקומען, איז זי אויף צו מאָרגענס נאָך פריהער, ווי תמיד אויפ-געשטאַנען, מיט די אויפגעפלאַצטע הענד אין דער הערינג-טון אַרומצוגראַבלען און כסדר האָט זי צו גאָט געבעטען:

– אָ, רבונו של עולם, צעשפּרייט מיר נישט מיין קליינע סטאַדע... זאָל נאָר קיין בייז אויג נישט פאַלען אויף מיין הויזגעזונד... און היט מיך אָפּ, אָ גאָט, פון שוואַרצע וועלף, זיי זאָלען מיינע אָרימע, אומשולדיגע שעפעלעך נישט בעפאַלען!...

אַזוי האָט רחל'ע געבעטען און גאָר-נישט געוואוסט, אַז די שוואַרצע וועלף לאָקערן שוין אויף איהרע אָרימע שע-פעלעך נעבעך...

אין שטאָדט וואוינען גענוג שלעכטע מענשען, וואָס לעבען נאָר פון יענעמס נויט, וואָס ווערען גליקליך אויף יענעמס אומגליק... האָבען די שלעכטע מענשען נישט געקענט זעהן ביי רחל'ען אַזעלכע צוויי כשר'ע, אומשולדיגע שעפעלעך און זייערע וועלפישע פּיסקעס האָבען דוקא געוואָלט לעקען דאָס הייסע, וואַרימע בלוט פון די יונגע, אומשולדיגע מייד-לעך... האָבען זיי פערשידענע נעצען אויסגעשפּרייט, פּולאַפּקעס אין וועג זיי געשטעלט אַזוי לאַנג און אַזוי ברייט, ביז ביידע מיידלעך זענען ערגיץ אין אַ באַלוטער געסעל געשטרויכעלט גע-וואָרען, געכאַפּט אין אַ נעץ און זענען מעהר צו דער גוטער, קלוגער מאַמע נישט אַהיימגעקומען...

יענע נאַכט איז רחל'ע ווי אַ וועלפי-כע, ביי וועלכע מ'האָט די קליינע וועלפ-ליך צוגערויבט, אַרומגעלאָפען, גרייט געווען צו דער הרג'ענען מיט די אויס-געדאַרטע הענד, די אויגען מיט די נעגעל אַרויסצורייסען און געווינט און געשריגען און שכנ'טעס, גוטע פריינד האָבען איהר געהאָלפען מיטוויינען און געטאָפּטשעט אין באַלוטער בלאָטעס, גע-קלאַפּט אין ציטערדיגע לעדען, גערופען די קינדערלעך:

– שיינדעלע, מרים'ל, וואו זייט איהר?–כשר'ע שעפעלעך מיינע, וואָס איז מיט אייך? האָבען זיך בלויז די גע-וואַלדען אין באַלוטער פערפוילטע ווענד אָנגעשלאָגען, דערשטיקט געוואָרען אין באַלוטער ענגיגקייט און אַריינגעפאַלען אין בלאָטע–ס'האָבען די וועלפישע לאַ-פעס פעסט די קרבנות אין די נעגעל געהאַלטען און נישט געוואָלט צוריק געבען די ווייסע שעפעלעך: שיינדעלע און מרים'ל – – –

יאָהרען זענען שוין פערגאַנגען. פון רחל'ען איז נאָר אַ שאָטען געבליבען, דאָך די אויגען, די גרויסע, שוואַרצע פייער-דיגע אויגען, וועלכע קוקען, ווי אַ שרעק אַרויס פון דעם צעאַקערטען און צע-קנייטשטען פנים, הערען אַ מינוט אין טאָג נישט אויף צו טרערען און דאָס אָהן-ציינערדיגע, איינגעפאַלענע מויל רעדט און לעסטערט:

– וואָלט איך זיי כאַטש מיט די איי-גענע הענד בעגראָבען–איז אַ מאַמעס האַרץ גענוג שטאַרק–גאָט האָט געגעבען, גאָט האָט צוגענומען. אָבער אַזוי, אַזאַ בייז אויסכאַפּעניש! אַזוי פערשוואונדען צו ווערען?!... און רחל'ע לאָזט אויס איהר כעס:

– אָ, מענשען, אייערע אומגליקען, אייערע נויטען האָב איך אין ווערטער אויסגעשריבען, בריף צו אייערע מענער, צו אייערע קרובים, וועלכע האָבען אייך פערגעסען—געשריבען,–איך האָב אייערע אומגליקען געקענט בעשרייבען, וואו אָבער וועט זיך געפונען אַ מענש מיט אַזאַ פעדער, וועלכער זאָל מיין אומגליק קענען בעשרייבען?! – – –

יוסף זעלקאָוויטש.

Dr. Z. RAKOWSKI

ספּעציאַליסט פאַר אויערען-, נאָז-, האַלז- און לונגען-קראַנקהייטען.

קאָנסטאַנטינער 9, טעל. 27-31.

שפּרעכשטונדען פון 12 ביז 2 און פון 5—7
נעמט אויך אָן אין לעטשניצע, וגערושער 17
פון 10—11 און פון 2 ביז 3.

האנדעלס=ביכער

א גרויסען אויסוואהל צו ביליגע פרייזען קאן מען בעקומען אין דער בוכבינדעריי פון

I. M. SZULC, Piotrkowska 41

Telefon 52-94

w podwórzu 1 wejście parter. 328

עלטערן!

פאר 3 זלאטעס א וואך ווערט געלערנט מיט קינדער וואס לערנען אין פאלקס-שולען: חומש, רש"י נ"ך משניות, גמרא יהדות היסטאריע, רעדען און שרייבען העברעאיש און יודישע בריוו ועלבסט צוזאמענשטעלען דורכ'ן בעוואוסטען ארטאדאקסישען העבראישען לעהרער י. ד. ראזענפעלד, פלאץ וואלנאשטשי 6 קווער אט, רעכטס 2 שט. געם. ס'ווערן אויך אנגענומען אנפענגער פון 5 יאהר אן

א שטרענג רעליגיעזע ערציהונג! ערפאלג גאראנטירט!

Biuro Próśb

przy ul. PAŃSKIEJ 1

ש. האכבערג טעל. 36-77

קויפט אויס פאטענטען אויפ'ן יאהר 1928. 843

LEKARZ-DENTYSTA צאהן-ארצט

St. GELBERG

זאכאדניא 15, טעל. 31=08

היילט גאנץ פערנאכלעסיגטע ציינער און מונד-קראנקהייטען, צאהן-ציהונג אהן שמערצען, היילט מיט ליכט-בעשטראהלונג. ספעציעל פאבריקאטעריום פון קינסטליכע ציינער, נעהמט אן פון 9—12 פרימארגענס און פון 3—7 אין אוונט. צו ביליגע פרייזען. 1491

לעטשניצע פון דאקטוירים ספעציאליסטען

בזשעזשינער 11, טעל. 37=63

אפען פון 9 פריה ביז 7 אווענד.

ד"ר האלינסקי	נאז, האלז, אויערן קר.	3—4
ד"ר קארשנער	קינדער קראנקהייטען	9½-12 4-5
ד"ר שיפמאן	אינערליכע קראנקה.	11—1
ד"ר ליביטש	הויט-און געשלעכטס-קר.	12—2
ד"ר שמירגעלד	נערווען און גייסטיגע קר.	1—5
ד"ר גאלדבלאט	אויגען-קראנקהייטען	12½—2
ד"ר על-שטיבערג	כירורגישע-קראנקה.	1—3
ד"ר בערגמאן	פרויען און געבורט-הילף	3—4

סכיגא-מעראפיע, שפראך-שטערונגען ווי שטאמלען א. א. וו. פאקען-שטעלען, קינסטליכע בערג-זון בעשטראהלונג אינהאליאציען, מאסאזשען, עלעקטריזאציע, אפעראציעס. אויף פערלאנג — וויזיטען אין שטאט. — אין לאבאראטאריום ווערען אנגענומען אלע ארט אנאליזען, ווי אויך פלעגמא און בלוט.

אימפונגען געגען שקארלאטין.

בייא דער לעטשניצע איז געעפענט געווארען א

דענטיסטישער קאבינעט

עס נעהמט ן אן:

ד"ר זילבערשטיין	צאהן-ארצט	10—2 נמ.
ד"ר לאושינסקי מאראמארסקא	צאהן-ארצט	6—7

קינסטליכע ציינער, קאראנען, פלאמבען א. א. וו.
די לעטשניצע איז אויך טעטיג זונטאג.

Dr. med.
A. ROZENBLIT
אינערליכע און קינדער-קראנקהייטען
Aleje Kościuszki 22
telefon 316.
נעהמט אן פון 6—8 אוו.

Dr. ADAM
GROSGLIK
Al. Kościuszki 27,
tel. 51-78.
הויט און וענערישע קראנקהייטען און ליבעס-חשק אינגמט. נעהמט אן פון 4—7 אין אווענד.

Dr. med.
WOLF EYCHNER
פרויען - קראנקהייטען און אקושעריע
זגיערזשער 11 טעל. 34-72
נעהמט אן אין דער לעטשניצע פעטריקאווער 294 פון 12—2 און דערהיים פון 6-8 אוו.

Dr. med.
L. Pikielny
ספעציאל-ארצט פאר לונגען, בלאזען און האַרן-קראנקהייטען
Nawrot 8
telefon 19-90.
נעמפאנגט פון 4—7 אין אווענד

הייל-פעדאגאגישע קורסען
פאר שוואכבעפעהיגטע, שווערהעריגע קינדער. שפראך-שטערונגען (שטאמלען, מויל-שטומהייט)

Dr. med.
A. Szmirgeld
נערווען-ארצט
עלעקטריזאציעס, ליכטהייל-שטראלען
Cegielniana 6, tel. 51-89
עמפפאנגט פון 5—7 אווענד.

לעטשניצע

פון דאקטוירים = ספעצ. אוי דענטיסטישע = קאבינעט.

פעטריקאווער 62, טעל. 31-53.

אינערל. קראנקהייטען	ד"ר ב. ראבינזאהן " מ. וואלפסאן " א. טענענבוים	פון 2½—3½ און 7—8 " 12—2 " 4—6
כירורגישע קראנקהייטען	ד"ר י. שרייבער " א. פאכשאנסקי	פון 2½—4 און 7—8 " 12—1 און 5—6
פרויען-קראנקהייטען און געבורטס-הילף	ד"ר ד. אלטערמאן " מ. פעלדמאן פרוי ד"ר ח. זעלדאוויטש-קראמשקא " גוסמאנווא זאנד טענענבוים	פון 11—1 " 5½—7½ שבת, זונט., דינסט., דאנ. 3 זונט., מאנט., מיט., פרייט. 3
קינדער-קראנקהייטען	ד"ר ס. נוטענטאג " ל. פאמיליער	פון 10—11 און 6—7 " 12—1 און 4—5
נערווען-קראנק.	ד"ר מ. מאשלאנקא	פון 6—7 זונטאג 1—2½
אויגען-קראנקהייטען	ד"ר י. סמופאי " ס. האלענדערסקא	פון 1—2 און 4—5 11—12, 6—8 זונט. 12
נאז, האלז און אויערן-קראנק.	ד"ר מ. קלאמשקא " באל. כאן	פון 11—1 און 7—8 " 3½—5½
הויט- און וועגערישע קראנק.	ד"ר פ. ברוין " י. פאלאווייטשיק	פון ½12—½3 " 6 8
ציין- און מונד-קראנקהייטען	צאהן-ארצט ס. שטעם " מ. רעזניקאווא " ב. משודנאווסקא " ג. קאצענבאגען	פון 9—10¾ און 8—9 " 11—1¾ " 2¼—5 " 5¼—8

די לעטשניצע איז טעטיג טעגליך פון 9 פריה ביז 9 אין אווענד.

קווארץ-לאמפען און גרופען-בעשטראהלונג

עס ווערען געמאכט אפעראציעס, בעשטראהלונגען מיט קווארץ-לאמפען עלעקטריזאציע און אנאליזען, קינסטליכע ציינער, קאראנעס, גאלד-בריקען און פלאטין. וויזיטען אין שטאדט. נאכט=דיזשור. געבורט=הילף.

פרייז 2 זל. שנעל און רעעל! פרייז 2 זל.

רעכטס=קאנסולטענטען=ביורא

„פאראדא"=„PORADA"

פיעטריקאווער 10

אונטער לייטונג פון א ראנגירטע אויז ר' מיניר טי געריכט-סעקרעטאר שרייבט אלערליי ביטען און אפעלאציעס, קלאוזולעס און זאבעזפיטשעניעס. אינפארמירט און שרייבט אין אלערליי מיליטער-ענינים. אויך איבערזעצונגען אין פרעמדע שפראכען. 258

א מביליגסטען און די בעקוועמסטע בעדינגונגען!

קען מען קויפען אלערליי

פעלץ=ווארעצ

נאר ביי דער לאנג-יעהריגער פירמע

ל. ב. פעפער, ווסכאדניא 42.

בעמערקונג: די קירזשנער-ווערקשטעט אויס'ן ארט. די ארבייט ווערט אויסגעפיהרט פינקטליך און רעעל.

רעקלאמע אויספערקויף!

פון פערשידענע דאמען=בלוזען פון אויסלענדישע זשעגארט אויסארבייטונג העררן און דאמען פולאווערס, קינדער פולאווערס אין פערשידענע גרעסען, און די נייעסטע מוסטערען. פאר רעעל גאראנטירט!

צו שטוינענד ביליגע פרייזען!

330 **B. ROZMARIN, Piotrkowska 21.**

וויכטיג פאר בעל=שמחות

איך גיב אויף אבנוץ

געפעסער, גאפעל, לעפעל, מעסער, ווינער-שטיהל

א. אז. וו. — צו ביליגע פרייזען! — עכט כשר! — מיט אכטונג

פרידוואלד, פאלודניאווא 10.

בעמערקונג: דער זאל ווערט אויך אבגעגעבען אויף חתונות. 135

Specialista dla przepukliny

Wynalazca patent. bandaży

מיט 20-יעהריגער פראקטיק בעקאנטער ספעציאליסט ראפאפארט האט ערעפענט א פיליאלע אין לאדז און נעהמט אן ליידענדע אויף פערשידענע געברעכליכקייטען און קערפער-פערקרימונגען, ווי: 1) לייסטען-ברוכען, וואס פאלען ארויין אין כים (אייער-בייטעל) נאבעל-ברוכען, בויך-ברוכען, געבער-מוטער-ברוכען, אויך גאל-שטיינער, הענג-בויך א.ז.וו. ס'ווערט געהאלטען מיט די נייעסטע ספעציאל הייל-באנדאזשען פון אייגענער ערפינדונג, וואס איז געווארען אנערקענט דורך מעהרערע פראפעסארען, 2) פערקרומטע פלייצעס (הויקערס) לעהמונגען, געשוואלענע פיס, העלפט דעם קראנקען מיט די נייעסטע הייל-אפאראטען. בעשאנקען אויך מיט אנגעלערענעם מעדאל.

דיר. ראפאפארט נעהמט אויף ליידענדע ביי

גרינבוים, זגערזשער № 17

טעלעפאן 42 - 64.

אויף פערלאנג פון קראנקע בעזוך אין דער היים און אין שפיטאל. — אייגענע ווערקשטעל

פאדערט איבעראל פעלד-בעטען נאר די פאטענטירטע

פעלד-בעטען

Palma-Patent געזעהן מיט דער פאבריקס - מארקע

פאר וועלכע מיר גאראנטירען אויף 3 יאהר

שטעהט אויף לאגער אין א גרויסען אויסוואהל:

ניקעל-בעטען, ניקעל-קינדער-בעטען, טיש-בעטען, אמעריקאנקעס, קינדער-וועגעלעך, קינדער-בענקעלעך אויף רעדלעך ווי אויך מעטאל-טאס.

מאטראצען

געבעטע, שאמקאווע און האנאדייסקע קאזעטקעס און טאפטשאנעס.

בעמ.: בעמלעך מיט ווענטלעך חיים אדער ברוין 17 זל., מאלמע-בעטלעך 14 זל.

רעעלע בעהאנדלונג. פאבריקס-פרייזען. הורט. זעמטליכע רעפאראטורען. דעטייל.

לאדז, פולנאצנא 24, טעלעפאן 31=85.

מעבעל | קויפט נישט קיין | מעבעל

מעבעל

בעפאר איהר איבערציינגט אייך נישט אין מיין

44 מעבעל-געשעפט 44

גדאנסקא (דלוגא)
טעלעפאן 56=62

CH. ŁAZNIK

גוט און ביליג. נאר בייא מיר קענט איהר בעקומען פערשידענע מעבעל שעהן און ביליג.

בעמערקונג: אויך קויף איך פערשידענע מעבעל, דיוואנעס, פעלצען, ניי-מאשינעס, סאמאווארעס, אנציגער א. א. וו. איך צאהל די העכסטע פרייזען, קומט און איבערצייגט אייך.

אליכם אישים אקרא וקולי אל בני אדם!!!

בצדק כל אמרי פי ואין בהם נפתל ועקש

אויב איהר ווילט ערלעדיגען אייערע אנגעוועהטאגטע ענינים, זאלסטו קומען צו לויפען אין ביורא

17 פעטריקאווער 17

2-טען הויף, פארטער, דורכגאנג זאכאדניא 52, וואו ס'ווערט ערלעדיגט און געשריבען אלערליי ביטעס לויט'ן אוסטאוו, קלאוזולעס און זאבעזפיעטשעניעס אויף אלע שטעט אין פוילען, אפעלאציעס, אפאזיציעס, אדוואלאניעס, רעקורסען וועגען פעסער אין קאמיסאריאט-רזשאנדז, ביטעס וועגען דירה אינאורזשאנד-ראזיעמשטשי און אין אלע פאליציי-בעצירקען, אקטען-אינטערציזיעס, אקטען דאראוויזנעס, קארנע ספראוועס, ווי אויך איבערזעצונגען אין אלע שפראכען.

ספעציאליסט פון שותפות-אקטען.

רעכט-קאנסולענט י. מאנעלא,
פעטריקאווער 17, זאכאדניא 52.

Dr. med. A. MAZUR

אויערן און האלז-קראנקהייטען, שטימע-און שפראך-פעהלערן (שטאמלען א. אז. וו.)

האט זיך איבערציגען פון נארוטאוויטש 44

אויף ווסכאדנא 65, טעל. 66-01

(איינגאנג אויך דורך פעטריקאווער 46).

נעהמט אן פון 11³⁰—12³⁰ און פון 3—5 נאכמ. 770

אכטונג, ה"ה פריזיערס!

קעלניש בלומען-וואסערן	נור 3.60 א קילא
וועזשעטאל	" 3.00 "
פיקסין צום ראזירען	" 7.75 "
בריללאנטין	" 3.60 "
פראנצויזישער לאקיר	" 45 גר. א דעקא

עמפפעהלט די פערפומעריע

J. DRUKIER
11 ZAWADZKA 11.

פאר אנגראסיסטען—ראבאט.

לאדז 13 יאנואר 1928

דאס לאדזער לעבען

לאדז 13 יאנואר 1928

13 פרייטאג כ טבת תרפ"ח	יאנואר זון-אויפגאנג 7.46 זון-אונטערגאנג 3.49 לענג פון טאָג 10.15 ליכט-צינדען—3.36

איידער אזוי שפּילען - איז גלייכער גאַרנישט

דער „דיבוק" האָט געהאַט אַ שעדליכע השפּעה אויף'ן יודישען טעאַטער.—די קולטור-פיהרער אין א"י בעגעהען אַ גרויסע עוולה מיט זייער בעציהונג צו דער יודישער שפּראַך.

געשפרעך פון „נייעם פאלקסבלאַט" מיט פּרץ הירשביין

אין לאָדז האָט די טעג געהאַלטען אַ פאָרלעזונג דער בעקאַנטער יודישער דיכטער און דראַמאַטורג פּרץ הירשביין. ביי דער געלעגענהייט האָבען מיר גע-האַט אַ געשפּרעך מיט'ן דיכטער.

— וואָס שרייבט איהר לעצטענס?

— פרעגען מיר הירשביינען.

— פאַר דער לעצטער צייט האָב איך זעהר פיל אָנגעשריבען און שרייב יע-דע וואָך פאַר די טאָג-צייטונגען „טאָג" (ניו-יאָרק), „יודישע צייטונג" (בוענאָס איירעס), „צייט" (לאָנדאָן). כ'האָב אָבער אָנגעשריבען זעהר פיל ערנסטע זאַכען פאַר דער לעצטער צייט, וואָס זענען נאָך נישט פערעפענטליכט געוואָרען. איבערהויפּט אפילו דאָס, וואָס איך האָב פערעפענטליכט — דערצעהלט הירשביין — איז מייסטענס דאָ ביי אייך נישט בעקאַנט. בלויז נייע פּיעסען האָב איך אָפּגעדרוקט אין אַמעריקאַ — 6 און 7 האָב איך אין מאַנוסקריפּט, צווי-שען זיי דער 2 און 3 טייל פון די „גרינע פעלדער". איצט האָב איך גע-שלאָסען אַ קאָנטראַקט מיט'ן קלעצקי'ן פערלאַג, וועלכער וויל אַרויסגעבען מיינע 24 בענדער.

דער שמועס געהט אַריבער צום טע-אַטער. ביי אונז, זאָגט דער דיכטער האָט מען איבערהויפּט זיך נישט געגע-בען קיין מיה אויפצופיהרען עפּיס אַ שטיק. מ'האָט געקלעבט בערד און מען האָט געשפּילט. ווען ס'וואָלט געווען אַ טיפע ערנסטע בעציהונג, אַנ'אָנ-שטרענגונג, וואָלטען די מאָמענטאַלע ערפאָלגען געהאַט אַ לענגערען קיום. מיינע לעצטע פּיעסען זענען שווער צום אויפפיהרען. בעסער זאָלען זיי גאָר-נישט אויפגעפיהרט ווערען, איידער זיי זאָלען אַזוי אויפגעפיהרט ווערען, ווי ביז איצט. מ'וויל זיך מאַכען אַ גרינג לעבען אין טעאַטער. געפעלט אַ פּיעסע פיהרט מען זי אויף, „נעמט עס אָן" איז גוט, נישטאָ קיין ערפאָלג — נעמט מען די פּיעסע אַראָפּ און — פּטור.

כ'גרייט איצט צו 4 — 5 נייע פּיע-סען פון אַ גאַנץ נייעם רעפּערטואַר, וואָס זאָל זיין אַ געמיש פון פאָלקס-טימליכקייט מיט דעם אויסדרוק פון דער נייער צייט. כ'האָב איצט צוגעגרייט אַ רעפּעראַט „פון גאָלדפאַדען ביז'ן דבוק" אינ'ם דאָזיגען רעפּעראַט פיהר איך אויס, אַז דער „דבוק" האָט רואינירט דאָס יודישע טעאַטער, ער האָט פער-ניכטעט אַלץ, וואָס האָט געקענט אויס-וואַקסען. כ'קען אַרטיסטען, בעגאַבטע, אַרבייטספעהיגע, וואָס האָבען 2 יאָהר צייט נאָכאַנאַנד געלעבט מיט'ן שפּילען איין ראָל אין „דבוק". ווען נישט דער „דבוק", וואָלטען פיל טעאַטערן נישט איינגעטרוקענט, זיך נישט איינגע-שרימפּט און נישט צופאַלען. דאָס איז נוגע פיל טעאַטערען און אויך די "הבמה" בתוכם. איך האַלט, אַז אין טעאַטער דאַרף דורכגעפיהרט ווערען די נאַציאָנאַלע ליניע, דאָס איז אַנ'-אונטיילבאַרער טייל פון זיין נשמה.

מיר געהען אַריבער צו הירשביינס איינ-דריקען פון א"י.—כ'האָב דאָרט געהאַט—זאָגט דער דיכטער — פיל עגמת נפש. כ'האָב אַ פּאָזיטיווע בעציהונג צום יודי-שען לעבען אין צו דער פּאַלעסטינאַ-פראַגע. כ'האַלט אָבער, אַז די איצטיגע פיהרער פונ'ם קולטור-לעבען אין א"י בעגעהען אַ גרויסען פעהלער און טוען אַנ'עולה מיט זייער בעציהונג אין דער שפּראַכען-פראַגע. ביי די 25 טויזענדי יוד-שע קינדער, וואָס לערנען זיך דאָרטען איז העבּרעאיש אַ נאָרמאַלע ערשיינונג, זיי ענטוויקלען די שפּראַך און פיהלען זיך אין איהר פריי, פאַר די איבריגע איז די שפּראַך אַ געקינצעלטע, אַנ'אויפגע-צוואונגענע.

איך האָב זיי אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז מ'מוז אינ'ם 3 אָדער אַפילו 4 לערן-יאָהר איינפיהרען דעם לימוד פון יודיש, כדי נישט אָפּצורייסען די קינדער פון זייער שטאַם. מ'קען דאָך נישט אָפּלייקע-נען, אַז דער זאַפט פונ'ם יודישען לע-בען איז אינ'ם חוץ לארץ, דאָס וועהט דאָך אַ בלינדער. ווען זיי וואָלטען זיך איינלעבען אין דעם געדאַנק און איהם אַדורכפיהרען, וואָלט זיך איינגעלעבט דאָס העבּרעאישע אויך דאָ. ס'וואָלט אָפּגעפאַלען די פערשאַרפטקייט. דעם דאָזיגען פאָרשלאַג האָב איך געמאַכט אויס ליבע צו העבּרעאיש, און כ'האָב ס'געהאַלטען פאַר מיין חוב איהם פאָר-צוברענגען ווי אַזוי די אָפיציעלע קריי-זען האָבען עס אויפגענומען — ווייסט איהר דאָך.

מיר געהען אַריבער צו כינע, יאַפּאַן.

אין יאַפּאַן — דערצעהלט אונז הירש-ביין — האָב איך זיך געפיהלט גאָר היימיש. כ'בין דאָרט געווען כמעט אַ גאַסט פון דער רעגירונג און געהאַט אַ צוטריט צום קעניגליכען הויף. דאָרט ווערט בענוצט די ענגלישע שפּראַך. איי-ניגע מיינע זאַכען, וואָס זענען איבער-זעצט געוואָרען אויף ענגליש, זענען שפּעטער פון ענגליש איבערגעזעצט גע-וואָרען אויף יאַפּאַניש. אין רעוואָלוציאָ-נערען יאַפּאַנישען טעאַטער וועלען אויס-געפיהרט ווערען מיינע אַ פּאָר קלענע-רע זאַכען.

Dr. med. ST. HEINRICH
POMORSKA 10, tel. 47-67.
ספּעציאַליסט פאַר קינדער- אין אינערע קראַנקהייטען. בעהאַנדלונג מיט קינסט-ליכע בערגזון-בעשטראַהלונגען (קוואַרץ-לאָמפּען). נעהמט אָן פון 4—6 נאָכמיטאָג.

Dr. H. Wołkowyski
זאַכאַדניאַ 57 (צעגעלניאַנאַ 19)
טעלעפאָן 37-70
ספּעציאַל-אַרצט פאַר הויט- און וועגעריש קראַנקהייטען, מענער-שוואכע, בעהאַנדלונג מיט קוואַרץ-שטראַהלען.
נעהמט אָן פון 1—2 און פון 4—8 אָוונט, פאַר פרויען פון 4—5 אין אַ ספּעצ. וואַרטע-זאַל.

Dr. Med. I. WEINBERG
Cegielniana 47, tel. 26-02.
אינערליכע קראַנקהייטען, ספּעציעל פאַר לונגען- און האַרץ-קראַנקהייטען, בע-שטראַהלונגען און קינסטליכע בערג-זון. נעמט אָן אין לעטשניצע, זגערזשער 17 פון 6-7. אין דערהיים פון 3-5 נאָכמ.

Dr. RÓŻANER
ספּעציאַליסט פאַר הויט-, ווענערישע קראַנקהייטען און מענער-שוואכע.
היילונג מיט קוואַרץ-שטראַהלען און ריאַטגען
צוריקגעקעהרט.
Dzielna 9 (Narutowicza), tel. 28-98.
נעמט-אָן פון 8—10 און 5—8, פרויען פון 3—4 וואַרטע-זאַל פאַר פרויען.

סאַצ. מאַגיסטראַט זאָגט צו נאכצוקומען די פאַסטולאַטען פון די יודישע ארבייטער

דעלעגאַציע פון „פּועלי-ציון" ביים שטאָדט-פּרעזידענט.

(—) אַ דעלעגאַציע פון „פּועלי ציון" אין די פּערזאָנען פון ראַטמאַן האָלענ-דערסקי, וויצע-פּאָרזיצער פון שטאָט-ראַט, ראַטמאַן ד"ר שיפּמאַן און עמנואל וואָ-לינסקי האָט זיך געווענדעט צום מאַגי-סטראַט וועגען אַ גאַנצע רייה פראַגען. די דעלעגאַציע האָט אויפגענומען דער פּרעזידענט זשעמיענצקי. ראַטמאַן האָ-לענדערסקי האָט אָנגעוויזען אויף די אַקטועלע פאָדערונגען, וואָס ווערען אַרויסגערוקט דורך די יודישע אַרבייטער, און האָט געשילדערט ווי אַזוי די יודי-שע בעפעלקערונג, בפרט די יודישע אַרבייטערשאַפט איז בעוולה'ט געוואָרען דורכ'ן פריהערדיגען מאַגיסטראַט. עס זענען אַרומגערעדט געוואָרען די פראַ-גען וועגען רעכט אויף אַרבייט פאַר יודישע אַרבייטער און אָנגעשטעלטע; וועגען גלייכבערעכטיגונג פון דער יודי-שער שפּראַך; וועגען בעאַמטע וואָס זאָ-לען קענען זיך פערשטענדיגען מיט די יודישע בעזוכער אויף יודיש בפרט אין די אָפּטיילונגען, וואָס די יודישע מאַסען קומען מיט זיי אין אַ דירעקטען קאָנטאַקט (געזונדהייטס-שטייערן,- געזעלשאַפטלי-כער אויפזיכט,- בוי-); וועגען שטיצען דעם יודישען שול- און קולטור-וועזען, וועגען סובסידיעס פאַר די יודישע שו-לען (באָראָכאָוו, פּרץ, מעדעם) און אָוו. קורסען, ביבליאָטעקען, וועגען שאַפען אויפ'ן חשבון פון שטאָט קינדערהיימען און זויג-היימען פאַר יודישע קינדער אין באַלוט און אין צענטער שטאָט און אויף גייערס ראַיאָן; וועגען בעפרייען די אַר-ביטער און אָרימע פון שטייערן בפרט פונם לאָקאַל-שטייער פאַר קליינע דירות, דערביי זאָלען די ביטעס וועגען דעם בעפרייט ווערען פון שטייער-מאַרקעס.

ה' וואָלינסקי האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף דער נויטיגער אַקציע פון דירות-בוי און אָנגעוויזען אויף דעם דערוויייל איינציגען יודישען אַרב. בוי-קאָאָפּעראַ-טיוו „פּאַרויס", וועלכער האָט שוין צוויי פלעצער און אויף איינעם איז שוין דער רויה-בוי כמעט אויסגעפיהרט. ער האָט דעריבער פערלאַנגט, אַז דער סאָציאַלי-סטישער מאַגיסטראַט זאָל שטיצען דעם בוי-קאָאָפּעראַטיוו און פערקויפען אַ פּלאַץ פון די שטעטישע פלעצער פאַר דער נייער גרופּע, וואָס בילדעט זיך ביים קאָאָפּעראַטיוו. ער האָט אויך פערלאַנגט, אַז אינם קאָמיטעט פאַנאַנדערבויען די שטאָט זאָל אַריינגעהן אַ פערטרעטער פונם בוי-קאָאָפּעראַטיוו „פּאַרויס". וויצע-פּרעזעס ד"ר שיפּמאַן האָט זיך אָפּגע-שטעלט אויף דער וויכטיגער בעדייטונג פון ספּאָרט פאַר די אַרבייטענדע מאַסען און ספּעציעל ביי די יודישע אַרבייטער און פערלאַנגט, אַז דער מאַגיסטראַט זאָל אָפּגעבען אַ פּלאַץ פאַר דער אַרבייטער-ספּאָרט-געזעלשאַפט „שטערן". פּרעזידענט זשעמענצקי האָט אַלץ אויפמערקזאַם אויס-געהערט און נאָטירט. צום סוף האָט ער געענטפערט דער דעלעגאַציע, אַז די אַלגעמיינע שטעלונג פון זיין פּאַרטיי צו די אַרויסגערוקטע פּאָסטולאַטען און פאָ-דערונגען איז דער דעלעגאַציע בעקאַנט און ער וועט זיך בעמיהען אַדורכפיהרען אין דער ערשטער רייה די פראַגען פון רעכט אויף אַרבייט. צום סעזאָן ווען מ'וועט אָננעמען פרישע אַרבייטער וועט עס זיין די אויפגאַבע פון די פּראָפע-סיאָנעלע פעראיינען (אויך פון די יודי-שע) אָפּצוהיטען, אַז אויך יודישע אַרביי-טער זאָלען אָנגענומען ווערען צו די אַרבייטען.

אינ'ם צוגאַב-בודזשעט פאַר'ן לעצ-טען פערטעל פון בודזשעט-יאָהר 1927/8 וועלען די יודישע קולטור-אינסטיטוציעס בעריקזיכטיגט ווערען. בנוגע דעם לאָ-קאַל-שטייער פון קליינע דירות האָט דער פּרעזידענט ערקלערט, אַז אויפ'ן גרונד פון געזעץ קענען אינדיווידועל די שטייער-צאָהלער בעפרייט ווערען פונ'ם דאָזיגען שטייער. ער וועט דערי-בער אין קורצען בעשטימען אַ ספּעציע-לען בעאַמטען, וועלכער וועט אויפ'ן אָרט אָננעמען מינדליכע ביטעס (אָהן דעם שטייער-אָפּצאָהל) עס פּראָטאָקאָלי-רען און נאָכדעם וועלען די בקשות בע-טראַכט ווערען און ווי ווייט מעגליך גינסטיג ערלעדיגט ווערען.

בנוגע דעם דירה-קאָאָפּעראַטיוו „פּאָראויס" האָט דער פּרעזידענט צו-געזאָגט, אַז אַ פערטרעטער אינ'ם קאָ-מיטעט צו פאַנאַנדערבויען די שטאָט וועט דער קאָאָפּעראַטיוו בעקומען, בנוגע אַ פּלאַץ דאַרף מען זיך פערשטענ-דיגען מיט דער בוי-אָפּטיילונג. דאָס זעלבע מכוח אַ פּלאַץ פאַר'ן ספּאָרט-פעראיין „שטערן". צום סוף האָט דער פּרעזידענט אויסגעדריקט זיין צופרי-דענהייט, וואָס ער האָט געהאַט די גע-לעגענהייט זיך נעהנטער צו בעקענען מיט דער טעטיגקייט און פערלאַנגען פון דער יודישער אַרבייטערשאַפט.

די קאָנפערענץ האָט געדויערט אַנ-דערהאַלבען שעה.

א קונסט-פאָטאָגראַפיע
איז אַ ציהרונג אין יעדען הויז!
אין מיין איבערגעבויטען קונסט-פאָטאָגראַפישען אַטעליער ווערען אויסגעפערטיגט אַלערליי אויפנאַהמען אויף פּאָסטקאַרטען, פּאָרטרע-טען, סאַלאָן-בילדער א. ז. וו. לויט דער לעצטער טעכניק פון ליכט און שאָטען. לויט וואונש אַ גרויסער אויסוואַהל פון די נייעסטע אַמע-ריקאַנער ראַהמען-קאַרטען. ס'ווערען אויך געמאַכט אויפנאַמען פאַר גע-זעלשאַפטען (אָרנאַמענטען). אויפ'ן פערלאַנג אויך אויסער'ן אַטעליער, צוגענגליכע פּרייזען. גרעסטע אַנערקענונג פון אַ רייהע לאָדזער פּער-זענליכקייטען פאַר די שעהנע און זאָרגפעלטיגע אויספיהרונגען.
מיט אַכטונג קונסט-פאָטאָגראַפישער אַטעליער
„PARISIEN", wł. H. SROKA, Łódź, Brzezińska 69
צופאָהר מיט'ן טראַמוואַי נ' 1. צופאָהר מיט'ן טראַמוואַי נ' 1

ווענען דער קויהלען-פערטיי-לונג פון דער קהלה.

פון דער קהלה-פערוואַלטונג טיילט מען אונז מיט: לעצטענס ווענדען זיך פיל מענשען אין דער קהלה וועגען בע-זאָרגען זיי מיט קוילען. די קהלה האָט אָבער נישט די מעגליכקייט די בקשות צו בעפרידיגען, ווייל די פראַגע וועגען קויהלען-אונטערשטיצונג איז נאָך פאָר-מעל דורך דער פערוואַלטונג נישט ער-לעדיגט געוואָרען, פּרעזעס ה' רוס האָט געהאַט צו זיין דיספּאָזיציע 400 קערץ קויהלען, וועלכע ס'האָט געשאָנקען ה' דישקין, אָבער דער סכום איז שוין אויסגעשעפּט. די פערוואַלטונג בעט דע-ריבער פאָרלויפיג וועגען קויהלען זיך נישט צו ווענדען. ווען דער ענין וועט זיין בעשלאָסען, וועט וועגען דעם גע-מאָלדען ווערען אין דער פּרעסע.

זונטאַג—רעד. י. אוגער'ס פאָרלעזונג אין „הזמיר".

זונטאָג אָוונד קומט פאָר אין לאָקאַל פון „הזמיר" אַ פאָרלעזונג פון רעד. י. אוגער א.ד.ט. „סינאַגאָגאַלע מוזיק. דער רעפעראַט האָט אַרויסגערופען אַ גרויסען אינטערעס און ער וועט זיכער אַדורכ-געהן מיט גרויס ערפאָלג.

איינגאַנג—בחנם.

רעפּרעזענטאַנץ-באַל פון לאָדזער וואָיעוואָדזטווע.

מאָרגען, שבת קומט פאָר אין די רע-פּרעזענטאַנץ-סאַלאָנען פון דער לאָדזער וואָיעוואָדזטווע אַ באַל, איינגעאָרדענט דורך דעם פעראיין פון די מלוכה'שע בעאַמטע, אונטערן פּראָטעקטאָראַט פון לאָדזער וואָיעוואָדע און זיין פרוי וואָלאָ-דיסלאַווא יאַשטשאָלט.

די הכנסות פונם באַל זענען בעשטימט אויף צו בויען אַנ'ערהאָלונגס-היים פאַר די מלוכה'שע בעאַמטע.

וויכטיגע פערלייכטערונגען ביים מיליטער-דינסט זעהט פאָרויס דאס נייע געזעץ.

(—) דער מיניסטאָרען-ראַט האָט אויס-געאַרבייט אַ נייעם פאָבאָר-געזעץ, וועל-כער דאַרף בלויז די אונטערשריפט פון מלוכה-פּרעזידענט.

לויט דעם נייעם געזעץ וועט די 18-חדשים'דיגע דינסט-צייט פאַר פאָבאָראָ-ווע מיט אָפיצירען-צענז פערקלענערט ווערען ביז 15 חדשים. ס'וועט אויך פערגרעסערט ווערען די צאָהל פון די, וועלכע קענען גענוסען פון אַ פערקירצ-טער צייט פון מיליטער-דינסט. ס'ווערט, למשל, אָפּגעשאַפט דער תנאי, אַז מ'מוז האָבען „מאַטורא" עס וועט גענוג זיין דאָס ענדיגען פון אַנ'אַלגעמיינער ביל-דונגס-אַנשטאַלט. דער מיניסטער קען אויך דאָסזעלבע רעכט געבען די פּאָבאָ-ראָווע, וועלכע האָבען געענדיגט נאָר 6 קלאַסען פון אַ מיטעל-שולע, אָדער וועלען, פאַר אַ ספּעציעלער קאָמיסיע אָפּגעבען עקזאַמענס פון 6 קלאַסיגער אַלגעמיינער בילדונג.

דאָסזעלבע רעכט וועלען אויך האָ-בען די צוהערער פון די מלוכה'שע פאַך-שולען.

די שילער פון די לעצטע קלאַסען פון די מיטעל-שולען וועלען בעקומען „אָדראָטשעניעס" נאָר ביז'ן 22-טען לע-בענס-יאָהר, סטודענטען ביז'ן 24 יאָהר (ביז איצט האָבען זיי בעקומען ביז'ן 26. יאָהר) אַזעלכע „אָדראָטשעניעס" וועלען אויך בעקומען לערן-יונגלעך אין האַנדווערקער - וואַרשטאַטען און האַנ-דעלס-אונטערנעהמונגען.

ראַספּוטין

זיין מיאוס לעבן און שרעקליכער סוף

לויט גאַנץ נייע מאַטעריאַלען

פון מ. אָשעראָוויטש

וועגען ראַספּוטינ'ען זענען די לעצטע צייט צוגעקומען אַ מאַסע נייע און וויכ־טיגע מאַטעריאַלען, וואָס רופן אַרויס גרויס אינטערעס און באַלויכטען איינעם פון די מערקווירדיגסטע קאַפּיטלען אין דער געשיכטע פון רוסלאַנד.

נישט קוקענדיג דערויף, וואָס מען האָט שוין אַזוי פיל אָנגעשריבען וועגען דעם פּראָסטען, אונוויסענדען, שכור'ען און אויסגעלאַסענעם פּויער, וועלכער איז פּאַקטיש יאָהרען לאַנג געווען דער מעכ־טיגער הערשער פון גאַנץ רוסלאַנד; נישט קוקענדיג דערויף, וואָס היסטאָריקער, פאָרשער און פּסיכאָלאָגען האַלטען זיך אין איין גריבלען אין גאַנצע בערג מאַ־טעריאַלען צו באַלויכטען די טונקעלע און געהיימע פּערזענליכקייט פון דעם ווילדען און שרעקליך פערדאָרבענעם „הייליגען", וואָס האָט געהאַלטען אונטער זיין איינפלוס דעם לעצטען רוסישען צאַר און אויך די צאַריצע—נישט קוקענדיג אויף דעם אַלעמען זענען די מאַטעריאַ־לען וועגען איהם נאָך נישט אינגאַנצען אויסגעשעפּט, און ערשט איצט קומען צו נאָך אין נאָך גרויסע אַרבייטען וועגען דעם קאַפּיטעל „ראַספּוטין" אין דער רוסישער געשיכטע.

און עס איז גאָר קיין צווייפעל נישט, אַז דער ענין „ראַספּוטין" — די ראָלע, וואָס ער האָט געשפּילט אין רוסישען קייזערליכען הויף און אויך דער אופן ווי אַזוי מענשען, וואָס זענען געשטאַנען נאָהענט צום רוסישען קייזערליכען הויף, האָבען איהם ביינאַכט דער'הרג'ט און אַריינגעוואָרפען אין טייך איז איינע פון די אינטערעסאַנטסטע און מערקווירדיג־סטע געשעהענישען נישט נאָר אין דער געשיכטע פון רוסלאַנד, נאָר אויך אין דער געשיכטע פון דער גאַנצער וועלט.

מען קען נישט ריידען וועגען דער געשיכטע פון דער רוסישער רעוואָלוציע און נישט דערמאָנען ראַספּוטינ'ען דער־ביי; מען קען נישט רעדען וועגען דער פערפוילטקייט און פערדאָרבענקייט אין דעם רוסישען קייזערליכען הויף און אויסמיידען די ראָלע, וואָס ראַספּוטין האָט דאָרט געשפּילט. וואָרום וואָס פאַר אַ באַציהונג מען זאָל צו איהם נישט האָבען—איין זאַך מוז מען צוגעבען: ער האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע ביי זיין לעבען און אויפגערודערט די וועלט מיט זיין טויט.

פון די פינף מענשען, וואָס האָבען ביינאַכט פערנאַרט ראַספּוטינ'ען אין אַ הויז און איהם דער'הרג'ט, האָבען בלויז צוויי אָנגעשריבען ביכער, אין וועלכע זיי האָבען דערצעהלט ווי אַזוי זיי האָ־בען דעם פּלאַן אויסגעאַרבייט און ווי אַזוי זיי האָבען איהם דורכגעפיהרט. דאָס זענען: וולאַדימיר מיטראָפאַנאָוויטש פּורישקעוויטש און פּרינץ פעליקס יוסו־פּאָוו, אין וועמעס פּאַלאַץ מען האָט דעם ווילדען און אויסגעלאַסענעם „מאָנאַך" דער'הרג'עט.

פּורישקעוויטש'עס בוך איז אַרויס נאָך מיט אַ פּאָר יאָהר צוריק און האָט דאַן געמאַכט אַ גרויסען פּוראָר און מען האָט וועגען איהם אַ סך געשריבען. דער פּרינץ יוסופּאָוו ווידער האָט די גאַנצע צייט געשוויגען. קלאַגען האָבען זיך אַרומגעטראָגען, אַז ער קלייבט זיך אָנ־צושרייבען אַ בוך וועגען דעם, אַז ער וועט אין דעם בוך דערצעהלען נייע שטוינענדע פאַקטען וועגען ראַספּוטין'ען און וועגען דעם ווי אַזוי מען האָט איהם דער'הרג'עט; דער פּרינץ האָט זיך אָבער, קענטיג, נישט געאיילט דעם בוך אָנצו־שרייבען. ערשט איצט, עלף יאָהר נאָך ראַספּוטינ'ס טויט, האָט דער פּרינץ דעם בוך ענדליך אָנגעשריבען אויף פראַנצוי־זיש און ער איז גלייך איבערזעצט גע־וואָרען אויף אַנדערע שפּראַכען.

און אויף דעם גרונד פון פּרינץ יוסו־פּאָוו'ס נאָר וואָס ערשינענעם בוך און אויך אויף דעם גרונד פון פּורישקע־וויטש'עס בוך און פון נאָך אַנדערע מאַ־טעריאַלען, וואָס זענען די לעצטע צייט ערשינען אין מאָסקווע און אויך אין פּאַ־ריז און אין בערלין, וועל איך דאָ דער־צעהלען נייע איינצעלהייטען וועגען ראַספּוטינ'ען און אויך וועגען דעם ווי אַזוי מען האָט איהם ביינאַכט דער'הרג'ט און אַריינגעוואָרפען אין וואַסער.

* * *

נאַאיווע מענשען שטעלען גאַנץ אָפט אַזאַ פראַגע:—ווי איז דאָס מעגליך,— פרעגען זיי,—אַז אַ פּשוט'ער, אונוויסענ־דער פּויער, אַ שכור, אַן'אויסוואורף, אַ געוועזענער פערד-גנב, זאָל זיך דער־שלאָגען צו אַזאַ הויכער מדרגה, אַז ע־זאָל האַלטען אונטער זיין קנעפּעל אַ צאַר, אַ צאַריצע און דורך זיי — אַזאַ גרויסע מדינה ווי רוסלאַנד, וואָס פערנעמט אַ זעקסטעל פון דער וועלט.

אַ פראַגע איז דאָס טאַקע אַ גאַנץ לאָ־גישע. אָבער דער וואָס איז נישט בע־קאַנט מיט דער געשיכטע פון די רוסי־שע צאַרען בכלל און מיט דער געשיכ־טע פון דעם לעצטען רוסישען קייזער־ליכען הויף בפרט, וועט אַזאַ פראַגע נישט שטעלען.

„זנאַכערס", שלעפּער, כשוף-מאַכער, בעטלער, זלידניעס, האַלב-הייליגע און גלאַט צודולטע ברואים האָבען אַלע מאָל געשפּילט אַ אָ ע אין די רוסישע קיי־זערליכע הויפען. זיי האָבען שוין אפילו געהאַט אַ ספּעציעלען נאָמען—„יוראָדיווי" וואָס דאָס מיינט אַ האַלב צודולטער און אַ האַלב הייליגער. דעם „יוראָדיווען" האָבען אפילו די שטרענגסטע צאַרען געקענט פערגעבען די שאַרפסטע און בייסענדסטע בעמערקונג, וואָס האָט גע־קענט טרעפען ביז'ן דער זיבעטער ריפּ. זיי, די האַלב-צודולטע און האַלב-הייליגע, האָבען געהייסען „גאָט'ס מענשען". אַזוי האָט מען זיי גערופען, אַזוי זענען זיי אַריין אין דער רוסישער ליטעראַטור; און די פון זיי, וואָס האָבען געהאַט מעהר חוצפּה, מעהר מוט און טאַקע מעהר פעהיגקייטען, האָבען זיך גאַנץ אָפט, מיט דער הילף פון נאַרישע, אָבער־גלויבערישע, פאַנאַטישע און היסטערישע פּרינצעסינס, אָהן שוועריגקייטען צוגע־שלאָגען צו די הויפען פון די צאַרען און דאָרטען געשפּילט אַ גרויסע ראָלע.

נאָך לייכטער איז דאָס געווען אין די צייטען פון דעם לעצטען רוסישען צאַר. אַליין אַ שוואַכלינג איז ניקאָלאַי דער צווייטער גלייך אַרונטערגעפאַלען אונטער דעם איינפלוס פון זיין ווייב אַלעקסאַנדראַ פיאָדאָראָוונאַ; און אַזוי ווי זי איז געווען זעהר אַ פאַנאַטישע און דערצו נאָך זעהר אַ היסטערישע פרוי, האָט זי דערמיט נאָך פעסטער געמאַכט דעם באָדען פאַר זלידניעס. שלעפּער, זנאַכערס, האַלב-צודולטע און האַלב-הייליגע אין דעם רוסישען קיי־זערליכען הויף.

נאָך אין 1900, זיבצעהן יאָהר פאַר דער רעוואָלוציע, האָט זיך אין דעם רוסישען קייזערליכען הויף בעוויזען איינער אַ זנאַכער מיט'ן נאָמען „פי־ליפּ", אַ טונקעלע פּערזענליכקייט. וואָס האָט געשפּילט די ראָלע פון אַ „הייליגען רופא", וואָס היילט אַלערליי קראַנק־הייטען מיט אָפּשפּרעכענישען און מיט גרעזלאַך. ער איז באַלד געוואָרען אַ גרויסער חשוב ביי דער צאַריצאַ אַלעק־סאַנדראַ פיאָדאָראָוונאַ, ווייל ער האָט איהר איינגערעדט, אַז ער וועט פּועל'ן ביי גאָט, זי זאָל אויפהערען האָבען מיידלעך און געבאָרען אַ זוהן, וואָס וועט ירשה'נען דעם טראָן פון רוסלאַנד.

פאַר אַלעמען איז געווען קלאָר, אַז פיליפּ איז נישט קיין דאָקטאָר, נאָר אַן'איינפאַכער שאַרלאַטאַן, וואָס בענוצט זיך מיט דעם פאַנאַטיזם און מיט דעם אָבערגלויבען פון היסטערישע מענשען. דאָס איז אָבער נישט געווען קלאָר פאַר דער צאַריצאַ און זי האָט אין דעם „בעל מופת" פיליפּ געגלויבט ווי אין אַ גאָט.

פון וואַנען פיליפּ האָט זיך גענומען האָט קיינער נישט געוואוסט. ערשט שפּעטער האָט מען אויסגעפונען, אַז ער קומט פון פראַנקרייך און עס איז אויך געווען אַ סברא, אַז ער איז אַ גע־שמד'טער יוד.

אין יענער צייט איז ראַטשקאָווסקי געווען דער אַגענט פון דער רוסישער געהיים-פּאָליציי אין פּאַריז. האָט ער דאָרטען אויסגעפונען פיליפּ'ס „יחוס" און זיין טונקעלע קאַריערע אַלס אַן־אונפּעראַנטוואָרטליכער אַוואַנטוריסט און שווינדלער. ער האָט גלייך געלאָזט וויסען וועגען דעם אין פּעטערבורג און געוואָרענט, אַז מען זאָל מיט דעם „בעל מופת" זיין זעהר פאָרזיכטיג און איהם בעסער פּערטרייבען פונ'ם קייזערליכען הויף.

די וואָרנונג האָט אָבער נישט גע־האָלפען. פיליפּ איז אַלץ געבליבען אַ גרויסער חשוב אין קייזערליכען הויף, און ראַטשקאָווסקי איז בעשטראָפט גע־וואָרען דערמיט, וואָס מען האָט איהם אַרונטערגעזעצט פון זיין אַמט...

און פונקט אַזוי ווי מען האָט אין אָנפאַנג נישט געוואוסט פון וואַנען דער „בעל מופת" פיליפּ האָט זיך גענומען אַזוי האָט מען אויך נישט געוואוסט וואו ער איז אַהינגעקומען. אין איין שענעם פריהמאָרגען איז ער פערשוואונ־דען געוואָרען און מען האָט מעהר פון איהם נישט געהערט. אָבער באַלד נאָך דעם ווי פיליפּ איז אַוועק האָט זיך געיאַוועט אַן'אַנדערער „בעל מופת" איינער מיט'ן נאָמען „פּאַפּיוס". ער איז אויך גלייך געוואָרען אַ גרויסער חשוב אינ'ם רוסישען הויף.

צו די צודולטע און האַלב „הייליגע" זנאַכערס, וואָס האָבען געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אינ'ם רוסישען קייזערלי־כען הויף אין די צייטען פון ניקאָלאַי דעם צווייטען, דאַרף מען אויך צורע־כענען דעם צודרעהטען שלעפּער מי־טיאַ קאָזעלסקי, וועלכער איז געווען אַ שטומער און געגעבען עצות דעם קיסר און זיין פאַמיליע נישט רעדענדיג, נאָר רעווענדיג ווי אַן'אָקס. און אַ חוץ איהם איז נאָך געווען איינער אַ באָר־פיסער בעטלער, וועמען אַלע האָבען גערופען „מאַטריאָנישקאַ דער באָרפו־סער".

אָט די אַלע זלידניעס און זנאַכערס האָבען זיך אַ לענגערע צייט געראַמפּערט צווישען זיך איבער דער גדולה ווער עס זאָל פערנעהמען דעם אויבען-אָן און זיין דער גרעסטער חשוב, ביז עס איז געקומען גרישקאַ ראַספּוטין און האָט זיי אַלעמען אַרויסגעטריבען, און אַליין פערנומען דעם אויבען-אָן.

(המשך זונטאָג).

PERFUMERJA
J. Drukier, Łódź
ULICA ZAWADZKA 11
עמפּפעהלט א רייכען אויסוואַהל
פון די נייעסטע פּערפומען,
טואַלעט-זייפען, קרעמען, פּודער,
קעלנישע בלומען-וואַסערן ווי אויך אַלערליי
קאָסמעטיק צו קאָנקורענץ-פּרייזען
פאַר ענגראָסיסטען ראַבאַט
בעמ.: פּודער קאָטי און הוביגאַן אויף דער וואָג

מעכעל פּאַנפּע

(ענדע פון 7-טע זייט).

נישט האָבען צו הויבען אַ האַנט אויף מיר... וואָס שוואַכער, איז בעסער...

— דו רעדסט ווי אַ נאַר, מעכעל — זאָגט זיין חבר זעליג — וועלכער משו־גענער מאַן וויל דאָס האָבען אַ שלאַפּע פרוי? סיידען אַ בהמה!

— אַ בהמה! — לאָזט זיך נישט מע־כעל — וואָס אַרט עס דיך, וואָס איך וויל? איך וועל דאָך מיט איהר חתונה האָבען, נישט דו! וואָס מיינסטו זיך, זעליג, איך וועל זיך ווידער לאָזען אָפּ־נאַרען? נענוג! האָסטו פאַר מיר אַ שלאַפּע מיידעל, אָדער אַן'אַלמנה, אָדער וואָס דו ווילסט אַליין, אָבי נישט קיין געזונדע. איך וויל נישט חתונה האָבען אויף צו קריגען קלעפּ; איך וויל אַמאָל אַליין דערלאַנגען ווען עס איז נויטיג... ווי זאָגט מיין טאַטע: אַ מאַן איז דאָך נישט מעהר ווי אַ מאַן; און אַז אַ מאַן קומט אַמאָל אָן אַ משוגעת אַ קלאַפּ צו טון זיין ווייב, דאַרף זי נישט האָבען קיין כח צוריקצוגעבען...

האָט זעליג דער שדכן אָנגעטאָן די שפּאַקולען און זיך פערטראַכט אין זיין ביכעלע און ער האָט אויסגעפונען פאַר זיין חבר מעכלען אַן'עלטערע מיידעל, אַ מיידעל, וואָס האָט שוין געקענט זיין אַן'אַלמנה, אָדער אַ גרושה פון עט־ליכע יאָהר. אַ פיינע, אַ שטילע, אַ בריה, פון אַ גרויסער משפּחה, נאָר אַ שוואַכע; קוים וואָס זי האָט געזשיפּעט.

מעכעל האָט אויפגעלויכטען פאַר פרייד.

— אָט דאָס איז, וואָס איך וויל!
— האָט ער אויסגערופען מלא שמחה
— איצט וועל איך וויסען, אַז איך בין פערהייראַט! אויס קלעפּ, אויס סטוסאַ־קעס, אויס בוכצעס, אויס וואַרפען טע־לער און טעפּ און רייב-אייזענס און פּרעס-אייזעגס.

און דער נאַרישער מעכעל האָט צו־געשטימט צום שדוך און באַלד חתונה געהאַט מיט דעם מיידעל.

— אַ מיידעל איז אַ מיידעל! —האָט מעכעל גע'טענה'ט — אַ מיידעל איז ווי אַ נייער אויטאָמאָביל. מיט אַ נייעם אויטאָמאָביל קען מען אָפּפאָהרען 15 און 18 טויזענד מייל איידער מען דאַרף עפּעס פּעריכטען... אַ מיידעל איז אַ מיידעל!

און ווען גאָט העלפט נאָך, און דאָס מיידעל איז אַ שלאַפּע, איז אודאי גוט! דעמאָלט איז דער מאַן זיכער, אַז ער וועט נישט כאַפּען קיין קלעפּ פון איהר.

אָבער אונזער מעכעל האָט זיך אָפּ־געפּאַרט: דאָס ווייבעל זיינס איז טאַקע געווען אַ שוואַכע, אַ קראַנקע, אָבער דערפאַר האָט זי געהאַט אַ פּאָר שטאַר־קע ברידער... צוויי ריזען, צוויי אַטלע־טען! פון זייערען אַ קלאַפּ איז געבלי־בען אַן'אייביגער סימן...

איצטער איז מעכעל אין ד'ערד מיט די ביינער. זיין ווייבעל שלאָגט איהם טאַקי נישט, אָבער דערפאַר כאַפּט ער אַריין אַ ים מיט טרוקענע קלעפּ פון זיין ווייבס צוויי ברידער. ער געהט אַרום אַ צוקיילטער און אַ צובייטלטער...

וועדליג דאָקטוירים זאָגען, איז שוין מעכעל כמעט אויס מעכעל: איין לונג איז שוין ביי איהם אויף דער וועלט נישטאָ...

אָרימער מעכעל! נאַרישער מעכעל! ביזט געווען אַן'אַלמן, האָסטו בעדאַרפט בלייבען אַן'אַלמן.

איך בין געווען גליקליך... אָבער ווי האָט ער מיך בעהאַנדעלט? איהר דער־צעהלט פון אַ וואונדערבאַרען מאַן, גוט ווי אַ מלאך... וואָלט כאָטש מיין גע־ליבטער געהאַט אַ צעהנט-חלק פון דער גוטסקייט פון וועלכער איהר דער־צעהלט... אַזאַ האַרטען, אַזאַ האַרצלאָזען מענשען האָב איך גאָט-צו-דאַנק שוין מעהר ביז איצט נישט געטראָפען און וועל שוין געוויס מעהר נישט טרעפען. וואָס איך האָב נישט געטון פאַר איהם — איז אַלץ געווען ווייניג: וועלכע אָפּפער איך האָב איהם נישט געבראַכט, זענען זיי געווען נישט גענוג. ער האָט זיי גאָרנישט בעמערקט. פאַר איהם איז זעהר נאַטירליך געווען צו נעמען אַלץ און — גאָרנישט געבען."

„פונקט פערקעהרט ווי אין מיין פאַל."

„יאָ, פונקט פערקעהרט. איך האָב געוואוסט גאַנץ גוט, אַז ער שפּילט זיך נאָר מיט מיר, אָבער וואָס האָט מיר געהאָלפען מיין וויסען? ווי אַ הונט האָב איך איהם נאָכגעפאָלגט און גע־קוקט איהם אין די אויגען; אייך, ליבע פרוי, זאָגט איהר, האָט אייער פריינד גע־זונד געמאַכט, מיך האָט מיינער,—קראַנק געמאַכט און ענדליך האָט זיך דאָס גע־ענדיגט ווי אָפּגעשניטען... ער איז פער־שוואונדען און ווען ער האָט זיך ווי־דער בעוויזען, האָב איך זיך דערוואוסט, אַז ער האָט חתונה געהאַט מיט אַ ריי־כער פרוי. פינף יאָהר שפּעטער איז זי געשטאָרבען און אַזוי האָט זיך געענדיגט מיין טראַגעדיע."

„איהר רעדט פון טראַגעדיעס," האָט זיך אָפּגערופען די דריטע דאַמע מיט אַ רוהיגען געלאַסענעם טאָן, וועלכער האָט זיך זעהר געפּאַסט צו איהר רוהיג, גלייכגילטיגען שמייכעל, „גאָט צו דאַנ־קען, אין מיין לעבען האָב איך נישט דורכגעמאַכט קיין טראַגעדיעס. די מע־נער, וועלכע איהר ביידע האָט געטראָ־פען אין אייער לעבען, זענען אויך גע־ווען עפּעס מאָדנע, טראַגישע, אומרוהי־גע כאַראַקטערען."

„דאָס איז עס דאָך!" האָט זיך אָנ־גערופען די צווייטע. „אַלצדינג הענגט דאָך אָפּ, וואָס פאַר אַ מאַן מ'טרעפט."

„יאָ, בעשטימט", האָט די דריטע גע־זאָגט. „איך האָב זיך געטראָפען מיט אַ מענשען, וועלכער האָט געהאַט דעמ־זעלבען כאַראַקטער ווי איך. אויך אַ רו־היגער, אַ געלאַסענער, וועלכער האָט קיין זאַך נישט גענומען צו נאָהענט צום האַרצען. אונזערע בעציהונגען זע־נען אויך געווען רוהיגע אנגענעמע, אַזעלכע, אַז פרעמדע מענשען האָבען זיך געוואונדערט. קיינמאָל האָבען מיר זיך נישט געקריגט, קיינמאָל נישט צו־פיל געליטען... ענדליך האָבען מיר בע־שלאָסען חתונה צו האָבען און איך בין געווען גאַנץ גליקליך מיט איהם."

„געווען? פאַרוואָס רעדט איהר פון געווען?" האָט געפרעגט די צווייטע דאַמע.

„ווייל איצט בין איך דאָך פערהיי־ראַט מיט אַן'אַנדערען. מאַקס שייפער איז שוין לאַנג צוריק געשטאָרבען."

„מאַקס שייפער?" האָבען פערוואונ־דערט אויסגעשריגען די צוויי אַנדערע דאַמען. אָבער ווי איז דאָס מעגליך?"

„איהר האָט געקענט מיין מאַן?" האָט אויך פערוואונדערט געפרעגט די דריטע, „און ביידע האָט איהר איהם געקענט?"

„נו, יאָ, דאָס איז דאָך דער מאַן פון וועמען איך האָב אייך דערצעהלט," האָט געזאָגט די ערשטע.

„יאָ, דאָס איז ער," האָט זיך אָפּגע־רופען אויך די צווייטע.

... דאָס איז געווען איינער און דערזעלבער מאַן, אָבער פאַר יעדע פון די דריי פרויען איז ער דערשינען גאַנץ אַנדערש. די ערשטע האָט ער געליבט, — איז ער געווען מילד, און גוט, און איידעל, און צאַרט. די צווייטע האָט איהם געליבט, איז ער געווען גראָב און גרויזאַם. די דריטע האָט איהם פונקט אַזוי ווייניג געליבט ווי ער זי, — איז ער געווען אַ גוטער, אַ געטריי־ער, פיינער מאַן און פריינד.

אַזוי רעזשיסירט די ליבע און טראָגט איהרע מאַסקעס.

דער וועהלער...

בין איך דאָך א יוד א פּראָסטער –
וויל איך נישט פון „חכמות” וויסען,
פון דעם פּלפּול פון דעם גאַנצען,
מיט'ן מבול-ווערטער-גיסען...

כ'הער מען דרשנ'ט און מען פייערט,
אויף מיין פּלייצע טוט מען רייטען,
רייסען וויל מען מיך אויף שטיקער,
פליקען מיר אויף אלע זייטען...

כ'זאָל צום בלאָק צום נאַציאָנאַלען
זיך פערשרייבען – טוט מען בעטען...
ס'וויל דער צווייטער צד מיך רעטען
מיט די נאַציאָנאַליטעטען...

נאַציאָנאַל - ציאָניטעטען?..
טעטען - ציאָ - נאַציאָנאַלע?..
פרעגט מיך, כ'בעט אייך, עפּיס גרינגערס,
וואָס בעדייטען „חכמות” אלע...

כ'וויס נאָר איינס – עס איז מיר קלאָהר נאָר –
ס'האָבען מענשען בענקלען-חשק –
וויל מיר איינער מאַכען מילכיג,
וויל דער צווייטער מאַכען פליישיג...

בין איך מיר א יוד א פּראָסטער,
כ'וויל נישט וויסען פון קיין ערבות –
איידער מילכיג, איידער פליישיג,
וועל איך בלייבען ביי מיין פּאַרוועס...

אליבאבא.

צווישען ווייבער.

– וואָס זאָגט איהר, דוואָשעניו, וואָס די פּראָפעסאָרען האָבען אויפגעטון? מען קען דאָך שוין האָבען קינדער אָהן ווייטיגען!...

– וואָס זאָל איך זאָגען, שרה'ניו, עס איז נישט שלעכט, אָבער עס איז נאָך נישט דאָס!...

– וואָס הייסט נישט דאָס?

– איהר פערשטעהט, שרה'ניו, ווען די פּראָפעסאָרן זאָלען נאָך העלפען טראָגען וואָלט שוין געווען גאָר נישט!...

איהר כעס.

באַנדיטען האָבען אָפּגעשטעלט א באַהן-צוג אין מיט'ן וועג.

– די הענט ארויף! – האָט דער פיהרער בעפוילען. – מיר ווילען אויס-ליידיגען די קעשענעס ביי די מענער און קושען די פרויען.

– אָ, – האָט זיך איינגעשטעלט איינער פון די פּאַסאַזשירען – לאָזט די פרויען צו רוה.

דאָ האָט זיך דערהערט א קול פון א פּאַסאַזשירקע:

– נישט דיין עסק פּאַסקודניאַק! מיש זיך נישט אריין אין יענעמס געשעפט.

7 געבאָט פאַר חתן-כלה.

פאַר וואָס עפּעס
זיבען, נישט צעהן?
עס איז פּשוט
מעהר נישט געווען...

1. נעמט א דירה מיט ווינציג טירען, וועט איהר האָבען צו האַקען מיט א פּאָר טירען ווינציגער בשעת א מחלוקת...

2. קויפט נישט קיין שווערע וואַזעס און סטאַטועןַ–עס קען זיך אמאָל אויס-לאָזען צו אייער קאָפּ!

3. קויפט נישט קיין אנטיק-מעבעל–איהר וועט אלץ איינס אויף דעם דאַר-פען טריקענען ווינדעלעך!

4. זאָל אייער שלאָף-צימער זיין גרויס און געראָם–כדי די קללות, וואָס אייער ווייב וועט אייך געבען זאָלען האָבען, וואו זיך פאַנאַנדערצוגיין.

5. קויפט אַנ'עס-טיש זעהר א גרויסען, כדי איהר זאָלט זיצען ווייט אָפּגעשיידט איינער פון צווייטען. דאָס איז געזונטער פאַר'ן שלום בית...

6. קויפט נישט קיין טייערע כלים–ווען מען ווערט אין כעס אונטערשיידט מען נישט צווישען פּאָרצעלייענע טעלער און גלאַט ליימענע...

7. בעזאָרגט זיך מיט א סך זייגערס, כדי ווען איהר וועט קומען שפּעט אהיים זאָלט איהר ווייזען, אז אלע זייגערס געהען נישט ריכטיג...

איזידאָרעק

– טאַטעשי, איך קען עפּעס אזוינס, וואָס דו קאָנסט נישט.

– וואָס?

– וואַקסען.

צווישען חתן-כלה

(פּאָעזיע און פּראָזע)

ער:

קום צו מיר,
מיין זיס באַחנ'טע
מיט דיין זיסען
ליבען בליק.
זיי א נאָהענטע,
זיי א שוועסטער,
שענק א טראָפּען
ליבעס-גליק.

לאָמיר, ליבסטע,
ביידע זינגען,
שותּפות'דיג,
פער'חלומט, שטיל
א געזאַנג
פון האַרץ און ליבע,
פון פלאַטאָנישען
געפיהל.

זאָלען אונזערע
ביידענס הערצער
זיך בעהעפטען
אין איין האַרץ.
זאָל די ריינע
הייליגע ליבע
ווייט פעריאָגען
לעבענס-שמערץ.

זי:

הער אויף נודיען,
מיט דיין נודעכץ,
זיי מיר מוחל,
לאָז מיך אָפּ,
ליבע, שמיבע,
דיינע מעשות
קריכען מיר נישט
איצט אין קאָפּ.

כ'וויל א בחור
מיט א שטעלע –
דאָס איז אלעס,
וואָס איך זוך.
זאָל פּערדינען
אויף א דירה,
אויף א מאַנטעל
און א שוך.

אָט אזא מיין
ליבע וויל איך,
אָט אזא מיין
סאָרט ראָמאַן.
כ'וויל א מאַן,
זאָל געבען עסען,
עסען ממש,
נישט קיין „מן”.

נ. וואָלפסאָן.

א שטיקעל טעות...

אין א געוויסע קרייז-שטאָט האָט א פרוי געשיקט נאָך א דאָקטאָר פאַר איהר קראַנקען מאַן. אזוי ווי מען האָט דעם דאָקטאָר נישט געטראָפען אין דער-היים – האָט דער שליח בעשטעלט אַנ'אַנדערען דאָקטאָר.

אין א שעה ארום זענען ביידע דאָק-טוירים גלייך אָנגעקומען, יעדער פון אַנ'אַנדער טיר און ביידע גלייך צו צום קראַנקענס בעט.

נישט רעדענדיג קיין וואָרט, האָבען ביידע דאָקטוירים גלייכצייטיג ארונ-טערגעשטעקט די הענד אונטער דער קאָלדרע, כדי צו בעטראַכטען דעם חולה'ס פּולס.

– טיפוס! – האָט ארויסגעזאָגט דעם אורטייל איינער.

עס הויבט זיך נישט אָן – האָט אָפּ-געוועהנדעט דער צווייטער – ער איז פּשוט שכור.

דערהערענדיג דאָס, האָט דער קראַנ-קער פּלוצלינג געגעבען א וואָרף אראָפּ פון זיך די קאָלדרע און – דאָ האָט זיך ארויסגעוויזען, אז איין דאָקטאָר האָט געהאַלטען ביי דער האַנד דעם צווייטען.

די סיבה.

– פאַרוואָס טראָגען די פרויען אויף די בעלער מאַסקעס?

– כדי זיי זאָלען נישט רויט ווערען פון די קאָסטיומען, וואָס זיי טראָגען.

אַ מיטעל געגען פרעסט.

– מאַכט א חשבון וויפיל איהר דאַרפט צאָהלען שטייערן און אייך וועט ווערען הייס.

– הויבט אָן לויפען מאַכען אַנ'אויס-לענדישען פּאַס וועט אייך ווערען וואַ-רעמלעך.

–וואַרפט זיך אריין אין דער קומענ-דיגער וואהל-קאַמפּאַניע און עס וועט אייך ווערען הייס.

– באַרגט אוועק אייער געלד און כּרובט עס צוריק אָפּנעהמען וועט איהר אזש שוויצען.

– פאָהרט קיין רומעניען און חבר'ט זיך מיט סטודענטען דאָרטען, וועט מען אייך געבען פייער.

– לייענט „וואהל - פּאַלעמיק” און איהר וועט ברענען פון חרפּה.

– עפענט א קויהלען-סקלאַד און עס וועט אייך זיין וואַרים...

דאַמען = ווערטער = בוך.

א מאַן – א מענש, וואָס מ'האַלט אין שטוב צו וואַשען די פּאָדלאָגע, רייבען די טעפּ און וויגען דאָס קינד.

הויז-פריינד – יעדער מאַנספּערשוין, חוץ דעם מאַן.

קלייד – זעה נאַקעט.

נאַקעט – זעה קלייד.

דאַמען - הוט – א זאַך, וואָס טוישט זיך יעדען טאָג ווי קאַלענדער-בלעטלעך.

פלירט – ראשי-תיבות פון: פוילקייט, לייכטזיניגקייט, יצר-הרע, רייצען, טענץ.

פּודער – א געמיש פון וואַפנע, קרייד און קאַרטאָפעל-מעהל.

ביי אַ זייגער-מאַכער.

קונה: – מיט דריי חדשים צוריק האָב איך ביי אייך געקויפט אָט דעם זייגער און איהר האָט מיר געזאָגט, אז ער וועט געהן מיין גאַנץ לעבען. איצט נאָך דריי חדשים, איז ער שוין קאַליע געוואָרען...

קרעמער: – איך מוז אייך זאָגען דעם אמת: איהר האָט דאַן אזוי שלעכט אויסגעזעהן...

צווישען זיך גערעדט.

די גמרא זאָגט: „חתן דומה למלך”. פאַרוואָס גלייכט צו די גמרא א חתן צו א מלך?

– גאָר פּשוט: ווייל ווי נאָר דער חתן געהט ארויס פון אונטער ן'ער חופּה, בעדאַרף ער שוין האָבען דעם מלכ'ס אוצרות...

אין די ציין פון טיגער.

סענסאַציאָנעלער ראָמאַן

פון מאָריס לעבלאַן

(46

– איך וועל אייך די פאָטאָגראַפיע גערן איבערלאָזען מיט'ן תנאי, אז איהר זאָלט זי אין אָוועגד אָפּגעבען דעם סערזשאַנט מאַזע, וועלכען כ'וועל אגב פעראָרדנען, אז ער זאָל ארבייטען באַר אין הסכם מיט אייך אין דעם אלעם, וואָס ער האָט א שייכות מיט'ן ענין מאָרגינגטאָן.

דעראויף האָט זיך זייער געשפּרעך געענדיגט.

דאָן לואי האָט בעגלייט דעם פּרעפעקט.

אויף דער שוועל האָט זיך דער הער דעמאַליאָן געווענדעט צו פערענאַ'ן און א זאָג געטון אָפּענהערציג:

– איהר האָט מיר היינט געראַטעוועט דאָס לעבען. ווען נישט איהר, וואָלט דער באַנדיט סויוועגער...

– אָבער, הער פּרעפעקט.., – האָט איהם פערענאַ איבער-געשלאָגען...

– יאָ, איך ווייס, פאַר אייך זענען דאָס פּשוט'ע זאַכען. איהר וועט מיר אָבער דערלויבען צו אויסדריקען אייך מיין דאַנקבאַרקייט...

און דער פּאָליציי-פּרעפעקט האָט זיך אזוי טיף פערנויגט, פּונקט ער וואָלט זיך פאַקטיש פערנויגט פאַר א שפּאַנישען אדעל-מאַן, א העלדישען לעגיאָניסט, וואָס הייסט דאָן לואי פערענאַ.

וועבער אָבער האָט געהאַלטען די הענד אין די טאַשען, און ער איז פערבייגעגאַנגען, ווי א הונד, וואָס ווערט געהאַלטען אויף א שטריק, וואַרפענדיג אויפ'ן געגנער בליקען פול מיט האַס.

– נו – האָט פערענאַ א טראַכט געטון – דער דאָזיגער חברה-מאַן וועט מיר נישט קוקען אין די ציינער, ווען עס וועט זיך איהם נאָר מאַכען א שטיקעל געלעגענהייט...

פון פענסטער האָט ער דערבליקט דעם פּרעפעקט'ס אָפּפאָהרענדען אויטאָ. נאָך איהם זענען אויך אוועקגעפאָהרען די בעהיים-אַגענטען.

די בעלאַגערונג האָט זיך, אלזאָ, געענדיגט...

– איצט ערשט וועלען מיר זיך א נעהם טון צו דער אר-בייט! – האָט דאָן לואי אויסגערופען – איך האָב שוין פּרייע בעוועגונג, וועלען מיר אָנהויבען צו אריינאַרבייטען אין דער זאַך!

ער האָט אָנגעקלונגען אויפ'ן קאַמערדינער און געהייסען זיך דערלאַנגען דעם פריהשטיק, מיט וועלכען ער האָט פערשפּע-טיגט צוליב דעם פּרעפעקטס וויזיט. גלייכצייטיג האָט ער געהיי-סען איבערגעבען דער פריילין לויוואַסער, אז נאָכ'ן אָפּ'עסען וויל ער זיך מיט איהר אדורכשמועסען.

ער איז אוועק אין עס-צימער, און אוועקזעצענדיג זיך ביים טיש, האָט ער אוועקגעלעגט פאַר זיך די פאָטאָגראַפיע, וואָס דע-מאַליאָן האָט איהם איבערגעלאָזט.

ער האָט זיך אויפמערקזאַם צוגעקוקט צו דער פאָטאָ-גראַפיע.

זי איז געווען א ביסעל אָפּגעבליאַקעוועט און צושעדיגט, ווי פאָטאָגראַפיעס, וואָס ווערען לאַנג געטראָגען אין פּאָרטפעלען צווישען אַנדערע פּאַפּירען.

דאָס בילד גופא איז נאָך אָבער געווען גאַנץ בולט: דאָס איז געווען א שטראַהלענדיגע געשטאַלט פון א יונג מיידעל אין א באַל-קלייד, מיט ענטבלויזטע אָרעמס, מיט בלומען אין די הענד, און מיט א צויבערליכען שמייכעל אויף דעם מויל.

– צי איז עס פריילין לויוואַסער? – האָט ער צו זיך א שעפּטשע געטון.

אונטען אין א ווינקעל זענען נאָך קענטיג געווען א פּאָר עטוואָס אָפּגעריבענע אותיות.

ער האָט זיי איבערגעלייענט: „פלאָרא”.

ווייזט אויס, איהר נאָמען.

ער האָט איבערגע'חזר'ט נאָך אמאָל:

– פלאָרענציאַ לויוואַסער... אָבער אויף וואָס'ער אופן האָט איהר פאָטאָגראַפיע געקאָנט פערבלאָנדזשען אין ווערא'ס פּאָרט-פעל? און בכלל, וואָס פאַר א שייכות האָט זי מיט דער גאַנצער געשיכטע?

ער האָט זיך דערמאָנט אין דער מעשה מיט'ן אייזערנעם פאָרהאַנג, ווי אויך מיט'ן ארטיקעל אין „עקאָ דע פּראַנס”, וואָס דעם כּתב-יד פון איהם האָט ער געפונען ביי זיך אין הויף. דער-נאָך איז איהם אויפ'ן זינען געקומען דער לעצטער פאַל, דער ממש אונפערשטענדליכער, מיט'ן הענטעל פונ'ם שטעקען, וואָס מ'האָט געפונען אין זיין קאַבינעט.

בעת ער האָט אזוי אריינגעטראַכט וועגען די אלע פּרטים און זיך בעמיהט צו דערגעהן, וואָס פאַרא ראָליע פריילין לוי-וואַסער האָט אין זיי געשפּילט, האָבען די אויגען זיינע געפאָרשט די פאָטאָגראַפיע, און געגען זיין ווילען האָט ער בעוואונדערט די פּרעכטיגע ליפּען, די איידעלקייט פונ'ם שמייכעל און די אויסגע-צייכענטע ליניעס פון די אָרעמס און פון האַלז.

פּלוצים האָט זיך די טיר געעפענט, און ס'איז אריין פריי-ליין לויוואַסער.

אין דעם מאָמענט טאַקע האָט פערענאַ געהאַט צוגעטראָ-גען צום מויל א גלאָז מיט וואַסער, וואָס ער האָט זיך אָקאָרשט געהאַט אָנגעגאָסען.

פריילין לויוואַסער האָט זיך א וואָרף געטון צו איהם, און ארויסגעשטויסען איהם פון האַנד דאָס גלאָז, וואָס איז ארונטער-געפאַלען אויף דער ערד און זיך צובראָכען.

– איהר האָט שוין געטרונקען דאָס וואַסער? – האָט זי א פרעג געטון מיט א פערשטיקטען קול.

– ניין! – האָט פערענאַ געענטפערט – צו-וואָס פרעגט איהר דען?..

– ווייל דאָס וואַסער אין דער קאַראַפקע... איז פער'סמ'ט...

– האָט די סעקרעטאַרין ארויסגעשטאַמעלט.

– פער'סמ'ט?.. וואָס רעדט איהר?.. איהר ווייסט עס אויף זיכער?..

נישט אכטענדיג אויף זיין שטענדיגען קאָנען זיך בעהער-שען, איז ער דאָס מאָל פאַקטיש געווען איבערגעשראָקען.

ער האָט געוואוסט די ווירקונג פון דעם שרעקליכען גיפט, וואָס ווערט בענוצט פון די באַנדיטען, מיט וועלכע ער האָט גע-קעמפּט;

ער האָט דאָך געזעהן די טויטע קערפּערס פון ווערא'ן, פון די פאָוויל'ס, און ער האָט זיך אָנגעשטויסען, אז הגם זיין אָרגאַניזם איז געווען צוגעוואוינט צום בענוצען זיך מיט כל'ערליי סם'ען און גאַנץ היבשע דאָזעס, וואָלט ער זיך דאָך נישט גע-קאָנט ווידערשטעלען דער בליצענדיגער ווירקונג פון דעם דאָ-זיגען סם.

פריילין לויוואַסער האָט געשוויגען.

(פאָרטזעצונג קומט).

א שפילעכל
מיט א טראגישען סוף.

(א) אין דארף גראבאוו, לענטשיצער פאוויאט איז געשעהען א טראגישער פארפאל:

אין דער וואוינונג פון ארטיגען גלח איז געקומען דער 13-יעהריגער טאדעאוש דזשעזשביצקי, וועלכער האט ארויסגענומען פון וואנד א רעוואלווער און שפילענדיג זיך מיט איהם, שווער פערוואונדעט די 14-יעהריגע זאפיא סטעמפטשינסקא.

גרשון סיראטא קומט קיין לאדז.

פאר זיין אפפאהרען קיין לאנדאן וועט דער וועלט-בעריהמטער חזן גרשון סיראטא בעזוכען לאדז, וואו ער וועט שבת דעם 28 ה. ח. דאווענען.

„מאשינען = צושטערער" פון ערנעסט טאלער.

מארגען שבת און זונטאג אין אוונד וועט אין לאקאל פון דער געזעלשאפט „אוונד-קורסען" (פיראמאוויטש 14), פארקומען א פארשטעלונג פון ערנסט טאלער'ס „מאשינען-צושטערער". די פיעסע ווערט אויפגעפיהרט דורך דער יודישער ארבייטער-ביהנע.

Dr. Roman Bornstein
TRAUGUTTA 9, tel. 23-06
אינערליכע און נערוועו-קראנקהייטען
נעהמט אן פון 7—8 אוונד. 429

ציוניסטישע ארגאניזאציע אין לאדז.

מארגען, שבת, 5 א זייגער נאכמ. קומט פאר אין לאקאל פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע (צעגעלניאנא 4) א טרויער=פערזאמלונג געווידמעט דעם אנדענקען פון **אחד העם** ז"ל צום ערשטען יאהרצייט פון זיין טויט. | הרב פראפ. **ד"ר צבי פרץ חיות** ז"ל צו די „שלושים" פון זיין טויט.

אינזש. **וולאד. טיאמקין** ז"ל אין די „שלושים" פון זיין טויט.

רעדעס וועלען האלטען: ד"ר מ. ברוידא, ד"ר י. ראזענבלאט, ד"ר י. פרענקעל און ה' מ. לימאן.

אריינגאנגס-קארטען צו בעקומען אין דער ציוניסטישער ארגאניזאציע (צעגעלניאנא 4). 428

די בראכאוו=ביבליאטעק

לויט דער צוגעשיקטער סטאטיסטיק פון דער בראכאוו-ביבליאטעק, האבען דארטען במשך פון חודש דעצעמבער געלייענט 1600 לייענער, דערפון מענער 1100 און פרויען 500; ביכער ביז 2000; דערפון יודישע ביז 1500 און פויליש 500.

די דאזיגע ציפערען, וועלען אהן שום ספק ארויסרופען א פרייד און צופרידענהייט ביי יעדען יודישען קולטור-פריינט, ווייל עס בעווייזט די שפהנע ענטוויקלונג פון א יודישע קולטור-אינסטיטוציע, ווען מען זאל נאך צוגעבען, די גרויסע צאהל יודישע ווי פוילישע ביכער, ווי אויך דער כסדר'דיגער איינקויף פון די נייעסטע יודישע ווי פוילישע ביכער, ווערט פערשטענדליך דאס בעטראכטען פון דעם יודישען לייענער די בראכאוו-ביבליאטעק אלס די גרעסטע און שענסטע אין אונזער שטאט.

CYRK א. קאשטשושקי 73

היינט, 8.15 אוונד — אויפטריט פון טארעאדאר **MANZANO** מיט דעם דער גאנצער אנסאמבל.

פון פועלי אמוני ישראל

אין צוזאמענהאנג מיט'ן כסדר'דיגען ענטזאגען יודישע ארבייטער פון די פאבריקען צוליב זייער נישט וועלען ארבייטען שבת, רופט צונויף פא"י אין איינענעם לאקאל (וואלצאדניא 66) א קאנפערענץ פון די בע'עולה'טע יודישע ארבייטער.

פון „גאנג"

שבת און זונטאג ארזענט דער „גאנג" איין א סורפריז פאר זיינע בעזוכער עס וועלען א חוץ דעם „גאנג"-אנסאמבל 12 זייגער ביינאכט, ארויסטרעטען די בעוואוסטע טענצערינס, די שוועסטער לאלא און זיזי האלאמא.

ביי דיקליכקייט.

ווירקט דאס נאטירליכע ביטער-וואסער פון **Franciszka Józefa**

זעהר קרעפטיג און מאכט שלאנק דעם קערפער. א סך פראפעסארען האלטען, אז ביי הארץ-פערפעטונג דארף מען נוצען דאס ביטער-וואסער **Franciszek Józef**

פריהמארגענס, ביי מיטאג צי אין אוונד נעהמענדיג איין דריטעל גלאז צו בעקומען אין אלע אפטייקען און סקלאד אפטעקשנעס 274

מעלדונג. 403

זונטאג, דעם 15 ד"ח 8 אוועונד קומט פאר אין לאקאל פון „התאחדות" שענקעוויטשא 3/5 א גרויסע פראטעסט-מיטינג געווידמעט די געשעהעניש אין פתח-תקוה. עס בעטייליגען זיך: ד"ר לופט (א"י). ד"ר טארטאקאווער און ל. לעוו ן. איינגאנג געגען 30 גר. ליגע פאר'ן ארב. א"י, לאדזער קאמיטעט.

Dr. RACHELA LEWI
ספעצ. פאר קינדער-קראנקהייטען
פאנסקא 24, טעל. 42-72
נעמט אן פון 1 ביז 3 נאכמיטאג.

Dr. med. M. GLAZER
ul. ZIELONA Nr. 6
טעלעפאן 45-49
הויט- און ווענערישע קראנקהייטען
(מ 8—9, פון 12—2 און 7—8 אוו.)

פון „ארדט".
היינט, מארגען—שפילט נישט.

צוליב דעם, וואס אין דעם ווייסען זאל פון „מאנטייפעל", אין וועלכען עס שפילט דער „ארדט" קומט פאר א צוזאמענפאהר פון דער פוילישער געזעלשאפט „סאקאל", ווערט היינט פרייטאג, און מארגען שבת איינגאנצען נישט געשפילט.

די נייע וואך, פון זונטאג אן וועט נאך געוויזען ווערען דער פרעכטיגער „נסים מן השמים"-פראגראם, און דערנאך קומט — דער 4-טער פראגראם, אויף וועלכען די גרויסע צאהל פריינד פון אונזער אייגען טעאטער'ל ווארט מיט גרויס נייגעריגקייט און אומגעדולד.

ס'זענען געפונען געווארען

149

2 וועקסלען:
1) וועקסעל אויף 50 זל. צאהלבאר ד. 5 פעברואר 1928, אויסשטעלער א. העבער, ערשטע ושירא י. קאפעלגיש סאלגא 7, 2) א וועקסעל אויף 50 זל. צאהלבאר ד 2 מערץ 1928 ארדרע ח' ווינקראפץ און שניידעראוויטש, די וועקסלען געפינען זיך ביי גינטשער פעפער-גאס נ. 15. געגען בעלוינונג און אנאנס-קאסטען.

א פראנטאווע
מעבלירט צימער
פאר 2 פערזאן ביי א פאמיליע איז פון זאפארט צו פערמיטען. צו ערפאהרען ביי צוקער, קאשטשעלנא 4, אין טאבאק-געשעפט.

א שותף

צו א היטלעך- און קאפעלוש-געשעפט. צו ערפאהרען אין אדמינ. פון דער צייטונג

אויסגעצייכענט מיט מעהרערע גאלד-מעדאלען, ווי אויך מיט גראנד-פרי

כעמישע וועשעריי און פארבעריי
פון הערען, דאמען-גארדעראבען, 249

ווי אויך דיוואנעם און גארדינען, עס ווערען אנגענומען זיידען-שטאפען צום איבערפארבען און אלע קאלירען, אויך אויף מאדערנסטע. אויף פערלאנג ווערט די ארבייט אינערהאלב **24 שטונדען** אויסגעפיהרט. עס ווערען אנגענומען אבאזשורען צו רייניגען, אלער ארט פלעקען פון גארדעראבען ווערען ענטפערנט אויפ'ן ארט.

JAN CEBULA, Piotrkowska 116 Telefon 29—75.

דערמיט מאך איך בעקאנט דער ג' קונדשאפט, אז פונ'ם 13 ה-ח. נעם איך אן א פאסטען

איז דעם ערשטקלאסיגען דאמען-סאלאן פון H. BRAUER
====== אויף צעגעלניאנא 40, טעל. 39-58 ======

איך פיהר אויס אלע ארבייטען, וואס האבען א שייכות מיט דער דאמען-פריזור, ווי: וואסער אנדולאציע, שערען לויט די נייעסטע מאדעלען, פארבען מיט L'oreal Henne אין אלע פארבען.

עמפפעהלענדיג זיך ווייטער דער געעהרטער קונדשאפט פערבלייב איך

מיט אכטונג **BOLESŁAW** 402

א טריקאטאזש= מאשין

גרעסער c/m 80 X 60 Grosser פאסט ביי געלעגענהייטליך צו פערקויפען. צו ערפאהרען קאפערניקא (מילשא) 19 וואוינונג 6. 440

שטעפער-געזעלן

א נייהער און א לערן-יונגעל באלד געצאהלט ווערט געזוכט קאמיענגא 8, ביי וויינריב. 442

נייע מאדערנע
פאלעטשקעס

מיט די עכט פראנצוזישע שרינדען עמפפעהלט דער דאמען-פריזיער-סאלאן 15 קאנסטאנטינער 15 ביי צוקער 397

מיידלעך און יונגלעך

צו לייכטע ארבייט און באלדיגע צאהלונג ווערן געזוכט פיעטריקאווער 9 א. י. טייטעלבוים און קאמפ.

א זאקען- און שקארפעטן=ארבייטער

ווערט געזוכט אויף דער פראווינץ. צו ערפאהרען ביי מלך ברעסלער 9 ברזשעזשינער גאס 9 אפיצינע 2. שטאק. 402

AKUSZERKA
G. SALIMONOWA
Szkolna 12
נעהמט אן געבורטען.

An das geehrte Publicum.

Aus Frankreich kommend, ist die bekannte

Hellseherin
Madamoiselle Inorczafja
in Lodz eingetroffen.

Inorczafja, die vom fünften Lebensjahre an bei einem Hellseher erzogen wurde, sagt aus den Augen, aus der Hand und den Karten wahr und errät nach Photographien den Charakter, das Temperament sowie die Namen von bekannten und unbekannten Personen ihrer Klienten. Kommen Sie und überzeugen Sie sich. Empfangs-Stunden von 11—1 Uhr u. von 3—9 Uhr in der

6-go Sierpnia 14, im Hofe rechts, I Etage, I Eingang. Gesprochen wird polnisch, französisch und deutsch. 329

א לערן-יונגעל

צו שמוקלער-ארבייט ווערט געזוכט ביי מענדעל ניימאן מלינארסקא 9. 458

א פעהיגער
יונגערמאן

פון דער לעדער-בראנזשע זוכט א פאסטען אין א שוך-געשעפט אדער לעדער-געשעפט. אפערטען אונטער „פאסטען" אין אדמינ. 405

אויף ראטעס

אטאמאנען, קאוטשעקס, שטיהל א. ז. וו. עמפפעהלט נ. דונקעלמאן זאוואדזקא 20. 413

Dr. med. BRAUN
פאלודניאווא 38.
טעלעפאן 40-26
ספעציעל-ארצט פאר הויט און ווענערישע קראנקהייטען און מענער-שוואכע.
בעהאנדלונג מיט קווארץ-ליכט (חזר-אויספאל)
נעהמט אן פון 9—11 פריה און פון 5—8 אוונד.

Akuszerka S. Nirenberg
טעלעפאן 68-29
ברזשעזשינער נ' 20,
פראנט, 3-טען שטאק
ערטיילט בעראטונגען פאר דאמען.

Dr. med. NIEWIAŻSKI
Sienkiewicza 34
tel. 59-40.
ספעציאליסט פאר סיפיליס, טריפער און הויט-קראנקה. בערא.-דל. פון מענער-שוואכע נעמט אן פון 5—9 אוונד.

Dr. HELLER
ספעציאליסט פאר הויט- און ווענערישע קראנקהייטען.
2 נאווראט 2
נעמט אן ביז 10 פריה, 1—2 און פון 4 - 8 אוו. פאר פרויען ספעציעל פון 4 5 נאכמיטאג. פאר אונבעמיטעלטע רעטשניצע-פרייזען.

בעקאנטמאכונג.

איך מאך בעקאנט, אז איך בעזיץ אן אויסוואהל פון פערשידענע-קאסארישע און נאטור בילדער, ווי אויך ראהמען. איך בעזיץ אויך דעם פארטרעט אין א ראהם פון הרב ר' אלהנן חים פייער זצ"ל אויף אויסצאהלונגען צו 1 זל. וועכענטליך. אויך טיכטיגע אגענטען ווערען געזוכט וואלבארסקא 25 עליאש בערקענפעלד.

MIEJSKI KINEMATOGRAF OŚWIATOWY
Wodny Rynek (róg Rokicińskiej) tel. 18-26
Dojazd tramwajami 16 i 10.

od wtorku 10 Stycznia 1928 r.
Dla dorosłych **Dla młodzieży**

TRAGEDJA NIELETNICH

Darmat w 8 aktach według powieści J. FEYDERA
w roli głównej młodociany FOREST
Nad program: **Widoki bosforu, Uprawa herbaty w Indjach, Malownicze doliny Szwajcarji, Rekord zręczności w kierowaniu samochodem, Zlot sokołów w Pradze.** 433

Dla młodzieży początek seansów o godz. 2 i 4 pp.
Ceny miejsc: dla dorosłych: I—70, II—60, III—30 gr.
dla młodzieży: I—25, II—20, III—10 gr.

לעטשניצע פון דאקטוירים ספעציאליסטען
און ערצטליך-דענטיסטישער קאבינעט
זגיערסקא 17 טעל. 16-33.

ד"ר ראקאווסקי	נאז האלז, אויערן קר	10—11 2—3 6—7
ד"ר רוזשאנער	הויט און געשלעכט קר.	10—11 1—2
ד"ר גאלדשטיין-פאלאק	אויגען-קראנקהייטען	1—2 7—8
ד"ר יוסטמאן	נערווען קראנקהייטען	12—2 חוץ זונ.
ד"ר ראזענצווייג	קינדער-קראנקהייטען	10—12 4—5
ד"ר פאפיערני	פרויען און געבורטס-הילף	1-11½ 5—6
ד"ר קאנטאר	כירורגישע-קראנקהייט.	5-4 זונ. 1—2
ד"ר ווינבערג	אינ. הערץ לונגען-קר.	1-11 5½—7
ד"ר סטופעל	רענטגען	10—12 4—6
א. גראדזענטשיק	צאהן-ארצט	3—7
נ. ראזעס	צאהן-ארצט	9—2

צאהן-טעכניק, בעליכטונגען, קראנען, מאסטען א. א. וו. ביי דער לעטשניצע איז געעפענט געווארען

א רענטגען=אינסטיטוט

הײלונג פון הויט-קראנקהייטען פון קאפ (פארך) מיט רענטגענשטראהלען. פאר בעשטראהלונג און דורכליכטונגען, קווארץ-לאמפע, ריסטערמיע, עלעקטריזאציע, אלע מעגליכע אנאליזען. א קורס פאר שטאמלער. איטפונגען געגען שארלאך (שקארלאטין) פון 4—5 נאכמ.

די לעטשניצע איז אויך אפען זונטאג.
ווזיט אין דער שטאט.

קראנקע נערווען

די בראניץ פון די טעגליכע צייטונגען, פיהרען א שטענדיגע רובריק פון זעלבסטמארדען. די לעזער טרעפען זיך זעהר אפט מיט די קאטאסטראפען פון די צאהלרייכע פארפאלען פון זעלבסטמארד, אז די סבה פון די טראגעדיעס פון דיעם אדער יענעם מענשען... איז נעווען א נערווען-ערשיטערונג. די דאקטוירים פון דער גאנצער וועלט קעמפען מיט דעם קראנקען צושטאנד פון זייערע פאציענטען, וועלכע אלס נערווען-קראנקע, זענען נאך היילבאר — וויפיל דאס יאהר האט טעג, אזויפיל שלאפלאזע נעכט פערברענגען די נערווען-קראנקע און אין משך פון זייערע ליידען טראכטען זיי נאר ווי אזוי צו פערקירצען זייער פיין און ווי אזוי צו מאכען א ן'ענדע צו זייער אונגעדולדיגע ליידען ס'זענען פערהאן פערשידענע אופנים פון קאפ-וועהטאג, נערוויש אין די אויגען, שווינדלען פאר די אויגען, אויפברויזונג בעם פערדייען, דאס אלעס שאפט די אונפעהיגקייט צו דער ארבייט, און איז די ערשיינונג פון נערווען-קראנקע-מענשען פון נאך דער מלחמה, דאס איז דער מאטעריאל פון נערווען-קראנקע, שטענדיגע פאציענטען פון די דאקטוירים, דאס איז א קאדרע פון זעלבסטמערדער. אין קאמף וועגען געזונדע נערווען, וועגען א געזונדען אויפ'ן ערשטען פלאן, רופט ארויס דאס: אריגינעלע היילמיטעל, וואס איז בעוואוסט אויף דער גאנצער וועלט א. נ.

KOLA LECITHIN

צאהלרייכע בעשטעטיגונגען בעשטעטיגען, אז Kola Lecithin איז א ווירקזאם היילמיטעל און עס בעשיצט מיט וואגרער, פיהרט צו די אמת'ע באהרונגס-סובסטאנצען אין די וויכטיגסטע פונקטען פון בלוט-לויף, גיט צו מוט, דערהאלט דעם מענש אין פרישקייט און יוגענד.

וועגען דער ווירקזאמער היילונג קען זיך יעדער איינציגער לייכט איבערצייגען, ווען ער וועט אין משך פון 2 וואכען צושיקען צו דער פירמע 404

G.Pasternak Berlin S.O.Michaelkirchplatz13 Abt.212

זיין אדרעס אדער פון זיינס א בעקאנטען פון דאמאלס דערהאלט ער **גענצליך בחנם** א קליין שעכטעלע KOLA LECITHIN מיט דער בעטרעפענדער בראשורע. אין דער בראשורע געפינען זיך די אנווייזונגען צו בערוהיגען די קראנקע נערווען, אנגעשריבען דורך א דאקטאר — א ספעציאליסט, וועלכער האט אליין געקעמפט מיט זיינע קראנקע נערווען. מ'דארף נישט פערלירען די געלעגענהייט און נאך היינט בעשטעלען א פראבע-שאכטעלע

KOLA LECITHIN

וואָיעוואָדע בעהערט מיט „פּאָלאָניאַ רעסטיטוטאַ".

(ב) דער וואָיעוואָדע יאַשטשאָלט איז נעכטען צוריקגעקומען פֿון דער קאָנפֿערענץ אין אינערן-מיניסטעריום.

דער לאָדזער וואָיעוואָדע איז אין וואַרשע אויסגעצייכענט געוואָרען מיט'ן אָרדער „פּאָלאָניאַ רעסטיטוטאַ".

קאָנפֿערענץ
פֿון קאָנסומענטען-ראַט

(מ) דעם 14 יאַנואַר קומט פֿאָר אין וואַרשע אַ קאָנפֿערענץ אין אינערן-מיניסטעריום פֿון דעם ראַט פֿון קאָנסומענטען.

אויף דער קאָנפֿערענץ וועט, אין נאָמען פֿון לאָדזער מאַגיסטראַט, אַנטײלנעהמען דער וויצע-פּרעזידענט ראַפּאַלסקי.

קאַזשמיערטשאַק
אַרויסגערופֿען צום אויספֿאָרשונגס-ריכטער.

(ב) נעכטען איז אַרויסגערופֿען געוואָרען צום אויספֿאָרשונגס-ריכטער, אַלס בעשולדיגטער, דער פֿיהרער פֿון די פּױלישע פּראָפֿעסיאָנעלע פֿעראײנען „פּראַצאַ" — ה' קאַזשמיערטשאַק.

קאַזשמיערטשאַק איז בעשולדיגט, אַז בעת דעם טעקסטיל-שטרייק פֿון די טעקסטיל-אַרבײטער אין מערץ פֿ. י. האָט ער, נישט קוקענדיג אויפ'ן פֿערבאָט פֿון דער פּאָליציי, אײנגעאָרדענט אויפ'ן וואָדני רינעק אַ דעמאָנסטראַציע פֿון די שטרייקענדע אַרבײטער.

פֿערמשפּט
צוויי רויבער-באַנדיטען

(אַל) אין קרייז-געריכט איז נעכטען בעהאַנדעלט געוואָרען דער פּראָצעס געגען סטעפֿאַן לעוואַנדאָווסקי און אַנטאָני סקאָווראָנסקי, וועלכע ווערען בעשולדיגט אין אַ רויב-אָנפֿאַל אויף דעם סוחר שלמה ראָזענטאַל, אויף דער שאָסעי לאָדז—זעלאָוו.

דאָס געריכט האָט פֿער'משפּט בײדע בעשולדיגטע צו 3 יאָהר שווערע טורמע.

דריי זענען זיי,
דזשעק-בויכשנײדער'ס.

(§) אין קרייז-געריכט איז נעכטען פֿאָרגעקומען דער פּראָצעס געגען די דריי מעסער-שטעכער'ס קראַשיבאָרסקי, קורנער און זיידלעף, וועלכע זענען בעשולדיגט געוואָרען אין מאַכען שווערע וואונדען אַ געוויסען פּאָלושעק, פֿון וואָס דער לעצטער איז געשטאָרבען. דער מאָרד איז פֿאָרגעקומען אויף אַ פֿערוויילונג אין „העלענאָוו".

דאָס געריכט האָט פֿער'משפּט קראַשיבאָרסקי'ן אויף 5 יאָהר שווערע טורמע, קוכנער אויף 2 יאָהר און זיידלעף צו 1 יאָהר טורמע.

אַפּטייקען

(§) היינט בײנאַכט דיזשורירען פֿאָלגענדע אַפּטייקען: וואָיטשיצקי נאַפּיורקאָווסקאַ 27, דאַנילעצקי, פּיעטרקאָווער 127, אילינצקי, וואָלטשאַנסקאַ 37, לוינוועבער, פּל. וואָלנאָשטשי 2, י. האַרטמאַן, מלינאַרסקאַ 1, קאַהאַנע, אַלעקסאַנדראָווסקאַ 80.

Dr. med.
H. GUTSZTADT
ספּעציאַל-אַרצט פֿאַר אַקושער- און פֿרויען - קראַנקהייטען.
Zachodnia 62 23 צעגעלניאַנאַ
טעלעפֿאָן 29-52 ‎58
נעמט אָן פֿון 4—7 אָוונר. אין לעטשניצאַ „סאַניטאַס" צעגעלניאַנאַ 29 פֿון 6—8 אָוונר.

Dr med. J. BETTE
ספּעציאַל-אַרצט פֿאַר אינערליכע און קינדער-קראַנקהייטען
פּיעטריקאָווער 6, טעל. 44-95.
בעהמט אָן פֿון 8-11 און פֿון 4-6.

הכנות צו די סיים-וואַהלען.

(ב) אין לאָקאַל פֿון די פּױלישע פּראָפֿעסיאָנעלע פֿעראײנען (נ.פּ.רישע) איז פֿאָרגעקומען אַ

פֿערזאַמלונג פֿון פֿאַבריקס-דעלעגאַטען,

אויף וועלכער ס'איז בעהאַנדעלט געוואָרען די פֿראַגע פֿון די וואַהלען צום סיים און סענאַט.

נאָך אַ לאַנגער דיסקוסיע איז בעשלאָסען געוואָרען אַנטײל צו נעהמען אין די וואַהלען אונטער דער לאָזונג פֿון מיטאַרבײט מיט דער רעגירונג און צו שטימען פֿאַר דער ליסטע פֿון אונפּאַרטייאישען קאָמיטעט פֿון מיטאַרבײט מיט דער רעגירונג.

(§) ווי בעוואוסט, האָט

וואַהל-רעכט

צום סענאַט נאָר דער וואָס ס'וואוינט זײט אַ יאָהר אין דער זעלבער געגענד. ס'טרעפֿט אַלזאָ, אַז עמיצער האָט זיך איבערגעצויגען אין אַנ'אַנדער דירה און איז נישט אַרײנגעטראָגען אין די ליסטעס פֿון די וואַהלען צום סענאַט. די פֿעראינטערעסירטע דאַרפֿען זיך דעריבער ווענדען מיט רעקלאַמאַציעס צו די וואַהל-קאָמיסיעס, מ'זאָל זיי אַרײנטראָגען אין די ליסטעס.

(ב)

נאָך 3 טעג

איז געבליבען נאָכצוקאָנטראָלירען די וואַהל-ליסטעס, צי מען איז אַרײנגעטראָגען אין דער צאָהל פֿון די וועהלער. מאָנטאָג איז דער לעצטער טאָג, אין וועלכען מען וועט אָננעהמען רעקלאַמאַציעס פֿון די נישט אַרײנגעטראָגענע.

ביז איצט האָבען 30 פּראָצענט וועהלער קאָנטראָלירט די ליסטעס. דערבײ האָט זיך אַרויסגעוויזען אַ גלײכגילטיגקײט פֿון צענטר.-שטאָט.

ווי אַזוי אויסצומײדען באַנקראָטען.
נייער דעקרעט פֿון מלוכה-פּרעזידענט.

(—) אין נעכטיגען נומער פֿון „דזשענניק אוסטאַוו" איז פֿעראָפֿענטליכט געוואָרען אַ דעקרעט פֿון מלוכה-פּרעזידענט וועגען אויסמײדען באַנקראָטען. לויט דעם דאָזיגען פּראָיעקט וועט מען קענען פּראָלאָנגירען דאָס אויסצאָהלען די חובות נאָר אַזעלכע פּערזאָנען, וועלכע בעזיצען גענוגענדע מיטלען אויף אײנגאַנצען צו בעפֿרידיגען די בעלי-חובות, אָבער געפֿונען זיך מאָמענטאַל אין צאָהלונגס-שוועריגקײט.

דער פּראָצעס פֿון ענטשפּרעכענדען געריכט, קען נאָכ'ן געבען די פּראָלאָנגאַציע דעם בעל חוב, אויפֿהאַלטען די שוין בעשטימטע ליציטאַציע אויפ'ן פֿערמעגען פֿון פּעטענט, דאָס פּראָלאָנגירען די חובות קען נאָר בעשטימט ווערען נישט לענגער ווי אויף 3 חדשים, אין דרינגענדסטען פֿאַל אויף 6 חדשים. אין דער צייט פֿון דער פּראָלאָנגאַציע קען מען געגען בעל-חוב נישט אָננעהמען קײן שום עקזעקוציע-מיטלען, כדי אויסצומײדען „אופֿאַדלאָשטש", קען דער בעל-חוב, וואָס האָט בעקומען די פּראָלאָנגאַציע אין פֿערלויף פֿון די 3 חדשים אַרויסטרעטען מיט אַ פֿאָרשלאַג וועגען אַנ'אָפּמאַך מיט די קרעדיטאָרען מכּוח בעצאָהלען די חובות ראַטענווײז. דאָס פֿערקלענערען די סומע פֿון די חובות קען דערגרייכען נאָר 25 פּראָצענט אין נויטיגסטע פֿאַלען 50 פּראָצענט און דאָס נאָר דאַן, ווען פֿאַר דעם פֿאָרשלאַג וועלען זיך אַרויסזאָגען 9/10 פֿון די קרעדיטאָרען.

פּרנסה פֿון דער קראַנקען-קאַסע
ער איז פֿויל צו אַרבײטען, אָבער נישט צו שווינדלען.

(§) אין באַרטשינסקי'ס פֿאַבריק האָט געאַרבײט דער וועבער אירעניוש פּשילעזצקי (שעראַקאָווסקאַ 20).

מיט אַ פּאָר חדשים צוריק איז פּשילעזצקי קראַנק געוואָרען. דער דאָקטאָר פֿון קראַנקען-קאַסע האָט איהם געפֿונען פֿאַר נישט-אַרבײטספֿעהיג און איהם געגעבען אורלויב אויף אַ חודש. אין דער צייט פֿון אורלויב האָט פּשילעזצקי בעקומען אונטערשטיצונג פֿון דער קראַנקען-קאַסע.

נאָכדעם האָט פּשילעזצקי אַ פּאָר מאָל בעקומען צוליב זײן געזונדצושטאַנד, פֿערלענגערט זײן אורלויב ביז ענדליך דעם 1. דעצעמבער האָט דער דאָקטאָר געפֿונען פּשילעזצקי'ן פֿאַר אויסקורירט און אַרבײטספֿעהיג און געמאַכט אַנ'ענטשפּרעכענדע אויפֿשריפֿט אין זײן קראַנקען-קאַסע-ביכעל.

פּשילעזצקי איז געגאַנגען אַרבײטען, ער האָט אָבער אַ חוץ זײן פֿערדינסט אין פֿאַבריק אויך געוואָלט ווייטער בעקומען אונטערשטיצונג אין קראַנקען-קאַסע, צוליב דעם האָט ער נאָכגעמאַכט די לעגיטימאַציעס פֿון דער פֿאַבריק, אַז ער אַרבײט נישט, און אויסגעמעקט דעם אונטערשריפֿט פֿון דאָקטאָר אין קראַנקען-קאַסע ביכעל, אַז ער איז שוין אַרבײטס-פֿעהיג. דער שווינדעל האָט זיך איהם אײנגעגעבען און ער האָט עטליכע מאָל בעקומען אויסגעצאָהלט פֿון דער קראַנקען-קאַסע. ער איז אָבער אַרײנגעפֿאַלען צוליב זײן גיריגקײט: עס האָט איהם אַזוי פֿערשמעקט זײן ערפֿאָלג, און דאָס וואָס דער קאַסירער בעמערקט נישט די פֿאַלסיפֿיצירטע פּאַפּירען, אַז ער האָט אָנגעהויבען זעהר אָפֿט צו קומען אין קאַסע נאָך געלד. דער קאַסיר האָט זיך ענדליך געכאַפּט, אַז דער פֿערזיכערטער פּשילעזצקי איז אַ צו אָפֿטער גאַסט, און גענומען נאָכפֿאָרשען דעם גאַנצען עסק. עס פֿערשטעהט זיך, אַז מען איז דערגאַנגען דעם אמת און דעם „געשיקטען" פֿערזיכערטען אַרעסטירט.

פֿון דער ציוניסט. אָרגאַניזאַציע.

צום טויט פֿון ד"ר נח דאַווידזאָהן ז"ל.

אויף דער מיטוואָכ'דיגער זיצונג פֿון ציוניסטישען קאָמיטעט האָט דער פֿאָרזיצענדער מיטגעטײלט, וועגען דעם גרויסען פֿערלוסט, וואָס עס האָט געליטען דער פּױלישער ציוניזם מיט'ן טויט פֿון ד"ר נח דאַווידזאָהן, דעם וויצע פֿאָרזיצענדען פֿון צ. ק. פֿון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין פּױלען. נאָכ'ן בעעהרען דעם אָנדענקען פֿון פֿערשטאָרבענעם, ווערט בעשלאָסען אַרויסצושיקען אַ מיטלײדס-דעפּעשע און צו דעלעגירען קײן וואַרשאָ צו דער לויה. וואָס וועט פֿאָרקומען היינט 11 אַ זייגער פֿאַרמ., די ה"ה ד"ר ראָזענבלאַט און מ. מרחיב.

מאָרגען אַ טרויער-פֿערזאַמלונג

צוליב דעם ערשטען יאָהרצײט פֿון אחד-העם און די שלושים פֿון הרב פּראָפֿ. ד"ר צבי פּרץ חיות און אינזש. וולאַדימיר טיאָמקין אָרדענט אײן די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע מאָרגען, מוצאי שבת, 5 אַ זייגער נ. מ. אין אײגענעם לאָקאַל אַ טרויער-פֿערזאַמלונג געווידמעט דעם אָנדענקען פֿון די פֿערשטאָרבענע גרויסע יודישע פּערזענליכקײטען.

רעדעס וועלען האַלטען: ד"ר ברוידע, ד"ר י. ראָזענבלאַט, ד"ר ירמיהו פֿרענקעל און ה' משה לימאַן.

די אַלגעמײנע פֿערזאַמלונג.

אויף דער לעצטער זיצונג פֿון ציוניסטישען קאָמיטעט זענען צ. אַ. אַרומגערעדט געוואָרען די פֿערשידענע פֿראַגען אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אַלגעמײנער פֿערזאַמלונג פֿון דער היגער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, וועלכע איז בעשטימט געוואָרען אויף ד. 29. ה. ח.

עס איז פֿעסטגעשטעלט געוואָרען דער טאָג-אָרדנונג פֿון דער פֿערזאַמלונג.

טויט איהם עפּיס, אַז ר'וויל נישט...
בשום אופֿן וויל ער נישט אַנטײלנעהמען אין די וואַהל-קאָמיסיעס, מעג אַפֿילו דער קאָמאָרניק קומען.

(§) ווי בעוואוסט, האָט דער פֿאָרזיצענדער פֿון דער הויפּט-וואַהל-קאָמיסיע ריכטער קאָרווין - קאַראָטקיעוויטש בעשטראָפֿט די פּערזאָנען, וועלכע האָבען בעקומען נאָמינאַציעס און נישט געוואָלט אַנטײלנעהמען אין די אַרבײטען פֿון די וואַהל-קאָמיסיעס.

אָבער גאָר אַ גרויסער עקשן איז געווען אַ געוויסער אַלפֿאָנס מאַלינאָווסקי פֿון פּעטריקאָווער 219. נישט קוקענדיג דערויף, וואָס מאַלינאָווסקי איז אײנמאָל פֿער'משפּט געוואָרען צו 300 זלאָטעס שטראָף, איז ער ווידער נישט געקומען אין דער וואַהל-קאָמיסיע. דער פֿאָרזיצענדער האָט איהם דעריבער בעשטראָפֿט מיט נײע 300 זלאָטעס. מאַלינאָווסקי איז ווידער געבליבען אײגעגע'עקשן'ט און נישט געקומען. דער פֿאָרזיצענדער האָט איהם דערלאַנגט ווידער אַ דריטע פֿאַרציע שטראָף פֿון 300 זלאָטעס. מאַלינאָווסקי איז אַלץ ווייטער נישט געקומען, און אַפֿילו קײן אַפּעלאַציע נישט אָבגעגעבען. דאָס פּלענום פֿון דער הויפּט-וואַהל-קאָמיסיע האָט דעריבער אַקצעפּטירט די שטראָף פֿון 900 זלאָטעס. ווען מאַלינאָווסקי איז אַלץ ווידער נישט געקומען אין דער וואַהל-קאָמיסיע, האָט דער ריכטער קאַראָטקיעוויטש געשיקט צו מאַלינאָווסקי'ן אַ קאָמאָרניק, וועלכער האָט געדאַרפֿט אײנמאָהנען די 900 זלאָטעס. מאַלינאָווסקי האָט נישט געוואָלט בעצאָהלען און דער קאָמאָרניק האָט פֿערקויפֿט זײנס אַנ'אָריגינעל בילד פֿון זשמורקאָ פֿאַר 1300 זלאָטעס. דאָס בילד האָט געקויפֿט ד"ר ט. פֿון פּיעטריקאָווער גאַס.

Dr. PRYBULSKI
זאַוואַדזקאַ 1, טעל. 25-38.
ווענערישע און האַר-הויט-קראַנקהייטען, מענער-שוואַכע, בעהאַנדלונג מיט קווארץ-ליכט (האַר-אויספֿאַל), רענטגען-שטראַהלען.
נעמט אָן פֿון 9—1 און פֿון 4—8 אָוונט
דאַמען פֿון 4—5 נאָכמ.
ספּעציעלער וואַרטע-זאַל פֿאַר פֿרויען.

ה' דניאל פּערסקי אין לאָדז.

זייט 2 טעג ווײלט אין לאָדז דער בעקאַנטער העברעאישער ליטעראַט און פּעליעטאָניסט ה' דניאל פּערסקי פֿון אַמעריקאַ.

דער חשוב'ער גאַסט וועט היינטיגען זונטאָג, ד. 15. ה. ח. 8,30 אין אָוונד האַלטען אַ רעפֿעראַט אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע (צעגעלניאַנאַ 4) אין דער העברעאישער שפּראַך אויף ד. ט.: „די צוקונפֿט פֿון יודענטום אין אַמעריקאַ".

ה' פּערסקי האָט לעצטענס געהאַט אין וואַרשאַ אַ גרויסען ערפֿאָלג מיט זײנע פֿאָרלעזונגען, וועלכע האָבען זיך אויסגעצייכענט מיט זייער שעהנעם, הומאָריסטישען סטיל. עס איז צו ערוואַרטען, אַז ער וועט אויך אין אונזער שטאָדט ווי געהעריג אויפֿגענומען ווערען.

דערעפֿנונג
פֿון אײזענשלאָס-ביבליאָטעק

(—) זונטאָג, 12 אַ זייגער בײטאָג קומט פֿאָר אין זאַל פֿון ספּאָרט-פֿעראײן „מכּבי", פּאָלודניאָווא 11, די פֿײערליכע ערעפֿנונג פֿון דער ביבליאָטעק אויפ'ן נאָמען פֿון פֿערשטאָרבענעם לאָדזער שריפֿטשטעלער אלתר אײזענשלאָס.

די ביבליאָטעק בעזיצט אַ גרויסע צאָהל פֿון די נײעסטע ביכער.

די ערעפֿנונג פֿון אַ נײער קולטור-פּאָזיציע דאַרף וואַרעם בעגריסט ווערען.

פֿון „צעירי ישראל".

אין דער מאָרגענדיגער התחלת-הספֿר-פֿײערונג פֿון „צעירי ישראל", וואָס קומט פֿאָר אין ענגלישען זאַל (אַל. 1. מאַי 2) נעהמט אַנטײל דער בעריהמטער קאַנטאָר מיטעלבערג מיט אַ גרויס כאָר ווי אויך אַ גרויסער אָרקעסטער אונטער דער לייטונג פֿון געבר. טויבע.

די פֿײערונג האָט אַרויסגערופֿען אַ גרויסען אינטערעס בײ דער רעליגיעזער יוגענד.

אַ פֿאָרלעזונג
אין האַנדעלס-אָנגעשטעלטען-פֿעראײן

(ס) היינט, פֿרײטאָג אין אָוונד וועט אין האַנדעלס-אָנגעשטעלטען - פֿעראײן אַל. קאָשטשושקי 21 געהאַלטען ווערען אַ פֿאָרלעזונג פֿון י. גאָלדאָווסקי א.ד.ט. „אַנאַליז פֿון בילאַנס אין אַקציען-געזעלשאַפֿטען".

געשיכטע
פֿון די צעכען אין פּױלען

זונטאָג דעם 15-טען, 8 אין אָוונד קומט פֿאָר אין האַנדווערקער-זאַל, פּאָלודניאָווא 4 דער ערשטער רעפֿעראַט פֿון אַ רייה פֿאָרלעזונגען, געהאַלטען דורך פּראָפֿעסאָר שאול ריגער א.ד.ט. „וועגען דער געשיכטע פֿון די צעכען אין פּױלען".

„אַלץ ראָז"
אַ גרויסער מאַסקען-באַל.

אין זאַל פֿון „פֿילהאַרמאָניע" אָרדענט אײן שבת בײנאַכט, דער פֿרויען-שוץ-פֿעראײן אַ גראַנדיעזען מאַסקען-באַל א. נ. „אַלץ אין ראָזען".

די הכנסה פֿון דעם באַל געהט לטובת דעם פֿרויען-שוץ-פֿעראײן.

אַ פֿערזאַמלונג אין „בני-ציון".

היינטיגען זונטאָג, ד. 15. ה. ח. קומט פֿאָר אין לאָקאַל פֿון „בני-ציון" אויף רזשגאָווסקאַ 7, אַ פֿערזאַמלונג געווידמעט אַקטועלע פֿראַגען.

רעפֿערירען וועלען די ה"ה מ. העלמבן און ק. פֿײנבערג.

Dr. med. H. LUBICZ
צעגעלניאַנאַ 43, טעל. 32-41
ספּעציאַליסט פֿאַר הויט-, וועגערישע און מענער-שוואַכע - קראַנקהייטען היילונגס-קוואַרץ-לאַמפּען (האָר-אויספֿאַל).
נעהמט אָן פֿון 8—10 און פֿון 5—8 אָוונד.

SPLENDID

היינט און פאָלגענדע טעג — היינט און פאָלגענדע טעג

פילם=מייסטערווערק פון דער פראָדוקציע CINE ALLIANCE אין פאַריז.

מייסטערהאַפטע רעאַליזאַציע פון A. WOŁKOW — אויסערגעוויינלעך פּרעכטיגע אויסשטאַטונג!!!

דער קעניג פון ליבע — דער אבגאָט פון פרויען

„CASANOVA"

דער קעניג פון ליבע — דער ליבלינג פון די מאַסן

קיינער האָט זיך איהם נאָך נישט ענטקעגנגעשטעלט! דער העלד פון טויזענד און איין ראָמאַנטישע געשיכטע!

דאָס לעצטע וואָרט פון דער אייראָפּעאישער פּראָדוקציע

אין דער הויפּטראָלע **IWAN MOZŻUCHIN**. אין דער הויפּטראָלע

ווי אויך

Rudolf Klein Rogge — אַלס צאַר פּיאָטער III דער וואָהנזיניגער אויף'ן טראָן.
Zuzanna Bianchetti — צאַרין יעקאַטערינע II די געקרוינטע שעהנהייט.

Diana Karenne — פירשטין **Marja Madi** די פּרעכטיגסטע אין די באָגאָנטקעס.
Jenny Jugo — טערעזאַ—די אויפריכטיגסטע געליבטע
Hr. Rina de Ligoro — אַלס טענצער Corticelli
Nina Koszitz — אַלס פירשטין וואָראָנצעווע.

Olga Day — אַלס לעדי סטאַנהאָף.
Paul Guide — פירשט אָרלאָוו.
Decofur — פירשט ביירוט.
Carls Tedeschi — Menucci
Baumerane — קאַזאַנאָוואָ'ס געטרייער נעגער.

APOLLO

היינט און פאָלגענדע טעג! צום ערשטען מאָל אין לאָדז! דער גרויסער מייסטער-פילם!

BELPHEGOR

ערשטער :: טייל ::

דער קייזערינ'ס ציהרונג

מעכטיגע קרימינאַל-דראַמע אין 12 אַקטען.

אין די הויפּטראָלען די בעריהמטע פראַנצויזישע אַרטיסטען:

R. Novarre, E. Vantier, L. Dalsace, J. Brindean

„קינאָ ERA"

„פּלאַרא" פּרי-העדר זאַווישאַ 22 (באַלוט)

היינט און פאָלגענדע טעג! גרויסער אויסערגעוועהנליכער פילם! אַטראַקציע פון סעזאָן!

די געליבטע פון אַכראַנע=אָפיציר

טראַגעדיע פון דער רעוואָלוציע - צייט אין 10 גרויסע אַקטען אין די הויפּטראָלען דער אָפגאָט פון די פרויען **WŁODZIMIERZ GAJDAROW** אַלס אַכראַנע=אָפיציר — —

דער בע-ריהמטער **Hans Mie endorf** אין דער ראָל פון זיין פאָטער — — און די וואונדערשעהנע **Marcela Albani** אַלס אַלגאַ ||| מענשען-בעסטיעס. באָמבעס און קאָזאַקען. פערשיקטע נאָך סיביר. עקזעקוציעס פון רעוואָלוציאָנערען. די שילדערונגען מאַכען אויף דעם צושויער אַ'אונגעהויערען איינדרוק.

-- בעת'ן דעמאָנסטרירען דאָס בילד וועט זינגען רוסישע לידער אַן'אָריגינעלער רוסישער כאָר.

דער זאַל איז גוט בעהייצט. — כדי אויסצומיידען אַ געדראַנג, ווערט געבעטען צו קומען אויף די פריהערדיגע סעאַנסען. — דער זאַל איז גוט בעהייצט

גור ביז מאָנטאָג דעם 16=טען יאַנואַר! מעכטיגער פילם=שלאַגער פון דער איצטיגער צייט! גרעסטער סופּער=פילם!

KINO TEATR „SYRENA"
ŁÓDŹ ALEKSANDROWSKA 37 TEL. 49-48

דער ליבלינג פון דער גאַנ-צער וועלט, דער געשיקטער

DOUGLAS FAIRBANKS אַלס

דער וואַלד=פירשט (ROBIN HOOD)

2 סעריעס גרויסער פילם אין 2 סעריעס **Douglas Fairbanks** בעריהמט פון די בילדער „דער גנב פון באַגדאַד" און „דער צייכען פון זאָרי" צוי-גלייכצייטיג דעמאָנסטרירט. כענט זיך אין דעם בילד גלענצענד אויס. דער זאַל איז גוט בעהייצט. פער רעסטערמעד ארקעסטער פיהרט אויס צו דעם בילד א ספעציעל צוגעפאסטע מוזיק

אכטונג! די נייעסטע פּרעמיערעס זענען: „די בערג=רעסטאַנטען" מיט **TOM MIX** אין דער הויפּטראָלע, און „בן הור" מיט **RAMON NOVARRO** אין דער הויפּטראָלע.

לעטשניצע (פאַר קומענדע קראַנקע)

פון דאָקטוירים ספּעציאַליסטען און ערצטליך דענטיסטישער קאַבינעט „SALUS"

גלובנאַ 41 טעל. 65=46. איז טעטיג טעגליך פון 9 פריה ביז 8 אין אָווענד זונטאָג פון 9 פריה ביז 2 נאָכמ.

ד"ר ז. ראַקאָווסקי	אויערן האַלז און נאָז קראַנקהייטען	פון 11 – 12
ד"ר לאַנדקאָף	אינערליכע קראַנקהייטען	פון 1 – 2 און פון 5 – 7
ד"ר דינענזאָהן	קינדער קראַנקהייטען	פון 11 – 12 $4\frac{1}{2}$ – 6
ד"ר וויים	כירורגישע קראַנקה.	פון 1–2 און $6\frac{1}{2}$ – $7\frac{1}{2}$
ד"ר שמערלאָווסקי	פרויען קראַנקהייטען און אַקושעריע	$2\frac{1}{2}$–$3\frac{1}{2}$, $5\frac{1}{2}$–$6\frac{1}{2}$ זונטאָג פון 12–1
ד"ר זילבערשטראָם	ווענערישע און גע-שלעכטס - קראַנקה	פון $11\frac{1}{2}$ – 1 און 7 – 8
ד"ר גאָלדבערג	אויגען קראַנקהייטען	$10\frac{1}{2}$ – $11\frac{1}{2}$
ד"ר גאָלדרינג	אינערליכע קראַנקה.	פון 11–12 און פון 3–5
צאָהן-אַרצט פרוי לאַנדקאָף " סט גאָלבערג	צאָהן- און מויל-קראַנקהייטען	$9\frac{1}{2}$ – 12 און פון 4–7 12 – 2 און פון 7 – 8

אָפּעראַציעס, אָפּעראַציעס, איינשפּריצונגען פּאָקען שטעלען. אַלערליי אַנאַליזען (ווי אורין, פלעגמע, בלוט א. אַז. וו.) דורכלייכטונגען און רענטגען אויפנאַהמען. קורס פאַר שטאַמלער. געבורטס=הילף בעראַטונגען פאַר מוטערס. קינסטליכע ציין, קאָראָנעס, גאָלדענע בריקען, פּלאַטין א. אַז. וו. ספּעצ. קורסען פאַר שטאַמלער. וויזיטען אין שטאָט. שוץ=אימפּונגען געגען שקאַרלאַטין.

א לעהרער

מיט רעגירונגס-רעכט, וועל-כער פערבייט שול-צוואַנג ערטיילט לעקציעס צו בילי-גע פּרייזען פאַר שילער מיט שוואַכען פאָרטשריט פון פאָלקס-שולען און גימנאַזי-עס, אויך לעקציעס פאַר דערוואַקסענע: פּויליש, דייטש, פראַנצויזיש, מאַטע-מאַטיק און בוכהאַלטעריע. שיף, שוו. יאַקובע 12. אין דער אָפיצינע 1. שטאָק. 931

א בוכבינדער-געהילף

קאָן זיך מעלדען זיעלאָנאַ 27. 837

Dr. Med.
J. PIK
Wólczańska 57, tel. 23-77
parter

נערווען-קראַנקהייטען

פּס כישט היילונג פון זעלישען און נערוועזע - ליידען. (פּסיכאָאַנאַליזען). .·. לעטשניצע-פּרייזען פאַר אונבעמיטעלטע.

לעטשניצע „זדראָוויע"

פון דאָקטוירים-ספּעציאַליסטען

אויף נאַוואָמיעסקאַ 3 (וואָסכאָדניאַ 13) טעלעפאָן 37-76.

אויגען קראַנקהייטען	ד"ר קראַוש	3–4, זונטאָג 10.30–11.30
נערווען קראַנקהייטען	ד"ר בראַגינסקי, פּרעגקעל " קלאָזענבערג	12.30–1.30, חוץ פרייטאָג מיטוואָך, שבת, זונטאָג 11–12
האַלז און נאָז-קראַנקה.	ד"ר אלהסנד. מאַרגאַלים	2 – 3 אחוץ זונטאָג, דינסט.
אינערליכע קראַנקהייטען	ד"ר גיביאַנסקי " קאַץ " לעווי " כאַי העגריכ	$9\frac{1}{2}$–$11\frac{1}{2}$ זונטאָג $9\frac{1}{2}$–11 12–2 זונטאָג 1–12 3–$4\frac{1}{2}$ זונט. 1–2 11 — 12 זונטאָג 11—12
קינדער קראַנקהייטען	ד"ר מאַלאָוויטשיק ארק " מאַשלאַנאַ " פרעכנער	11—12.30, 3—5, ז. 12—2 1.30—2.30, זונט. 10.30—12 5—6.30, זונטאָג 9—10.30
כירורגישע קראַנקהייטען	ד"ר גאָלדמאַן " פערלים	טעגליך 2—3 12-1.30, 6-7.30, זונט 11-1
פרויען קראַנקהייטען	ד"ר אַראָנסאָן " אייגעראָוויץ	12—1, זונטאָג 12—1 10.30-11.30, דינסט. 1.30-2.30
הויט, האָר און אויערן קראַנקהייטען	ד"ר ראַבינאָוויטש	12—2, זונטאָג 12—1.30
הויט און ווענערישע קראַנקהייטען	ד"ר פאָלק " זאָנענבערג	3.30—4.30, זונטאָג 9—10 11—12, זונטאָג 11—12
רענטגענאָלאָג	ד"ר ייריסאָן	3 – 7
ערצטליכע אַנאַליזע	ד"ר מ. האַצען	

וויזיטען אין שטאָט. :-: פּאָקען-שטעלען. :-: רענטגענאָגראַפיע. :-: זעמט-ליכע דורכשטראַהלונגען (קוואַרץ-לאָמפּען). :-: אַלערליי אַנאַליזען און אונטערזוכונגען די לעטשניצע איז טעטיג טעגליך פון 8.30 פריה ביז 7.30 אָווענד. זונטאָג פון 8.30 ביז 2 אַ זייגער נאָכמיטאָג.

CASINO

גרויסע פּייערליכע פּרעמיערע!

פונ׳ם מאנומענטאלסטען פּויילישען פילם לויט דער בעוואוס- טער ערצעהלונג פון Andrzej Strug

דאס קבר פון אומבעקאנטען זעלנער

(Mogiła Nieznanego Żołnierza)

אין די הויפּט=ראָלען:

Marja Malicka, L. Pancewiczówna, Jerzy Leszczyński i Wł. Walter

די אַקציע שפּילט זיך אפּ אין ווארשע, אין טיף=רוסלאַנד, אין קרים און אויפ׳ן רוסיש=פּוילישען פראָנט אין די יאהרען 1916—1920.

ריהרענדע עפּאָפּיי פון העלדענטאט און ליבע!!!

CZARY

דער אקטועלער פילם=שלאגער, געשאַפען אויפ׳ן גרונד פון די לעצטע בלוטיגע געשעהענישען אין כינאַ

„די שקלאַפין פון שאַנכײַ״

מעכטיגע דראַמע פול מיט אָפּפערונג, איבערמאַכט, ליבע און גוואַלדטאַט. :—: אין דער הויפּטראָלע

Bernard Goetzke

אין דער גענױאַלער מאַסקע אלס **כינעזישער גענעראל** ⁝ אין דעם פילם בעטייליגען זיך 2 באַטאַליאָנען רעגולער כינעזיש מיליטער פון גענעראל **Czan-Co-Lin**

אָנהויב פון די פאָרשטעלונגען 4 אַ זייגער נאָכמיטאָג. שבת און זונטאָג 1 אַ זייגער נאָכמיטאָג.

אויפ׳ן 1-טען טעאַנס זענען אַלע פּלעצער צו 75. גראָשען, :—: פּאַספּאַרטו ס און הנחה-בילעטען זענען אונגילטיג.

LODY i ZIZI HALAMY

מארגען שבת, דעם 14. און זונטאַג, דעם 15. יאַנואַר, 12 אַ זייגער ביינאַכט נור 2 גאַסטשפּילען פון די בערימטע טענצערם

אונטער׳ן נאָמען: „ה אַלאַמי אין לאָדז״

מיט׳ן אַנטייל פון גאַנצען אַנסאַמבל פון טעאַטער „GONG״

„GONG״

אין לאָקאַל פון „לונא״

„PACIFIC״

צום ערשטען מאל אין לאָדז! סענסאַציע!

ODEON

(אין אַ שעה פון נצחון) עגזאָטישע קריגס-דראַמע אין 10 אַקטען אויפ׳ן גרונד פון אויטענטישע פּאַסירונגען.

גלענצענדער און גרויל—אַט דאַס זענען די הויפּט- צעכען פון דעם פילם. אין די הויפּט-ראָלען: M.Blue, Charles Sterens i Tom Wilson

CORSO

== היינט און פאָלגענדע טעג! ==

צום ערשטען מאָל אין לאָדז!

סענסאַציאָנעלע דראַמע אין 10 אַקטען א. ג.

„דער צוג אין פלאַמען״

אין דער הויפּט ראָלע – WILJAM DESMOND

TEATR-ŚWIETLNY NOWOŚCI

Piotrkowska, róg Głównej.

היינט און פאָלגענדע טעג!

דער ליבלינג פון דער גאַנצער וועלט, דער קעניג פון הומאָר און וויץ, דער אינטערעסאַנטער און מעכטיגער אַרטיסט, דער אונפערגלייכליכער קאָמיקער

Harold LLOYD

גוואַלט, וואס טוט זיך!

אין 10 אַקט. בילד פון זיין לעצטער קרעאַציע א. ג.:

אָנהויב פון די פאָרשטעלונגען אין וואָכענטעג 6 אַ זייגער אין אָוונד.

שבת ביז 4 אַ זייגער נאָכמיטאָג און זונטאָג ביז 3 אַ זייגער נאָכמיטאָג זענען די פּרייזען פון 30 גראשען ביז 75 גראשען.

אויפלעבונגס-בינע אין לאָדז „פאַלקס=הויז״

5 זאַוואַדזקאַ 5.

ס׳ווערט געגעבען 2 פאָרשטעלונגען: היינט, פרייטאַג, דעם 13. און מארגען שבת, דעם 14. יאַנואַר ד. י. 8.30 אין אָוונד ווערט געשפּילט:

דאס גאַסען=מיידעל

לעבענס-בילד אין 3 אַקטען פון יעקב וואַקסמאַן. נייע דעקאָראַציעס. אָרדנונג געזיכערט! פּרייזען: 1 זל. ביז 50 גר. – טעכנ. לייטונג: ש. זאלאַנטש און י. האַמבורסקי.

Pogotowie Elektryczne

Światło zgasło? Motor stanął?

DZWOŃ 60-34

Dyżury całą dobę. Pomoc natychmiastową. Pogotowie Elektryczne;60-34 umieszczony w książce telefonicznej pod literą „P" (Pogotowie Elektryczne). 464

אַ פאַבריקס=לאָקאַל

פון 3 צימער מיט אַ מאַטאָר, ס׳קען אויך זיין פאַר אַ פּריוואַט-וואָוינונג גלייך איבערצוגעבען. צו ער- פאַהרען ביי ליבערמאַן, אבראַמאָווסקע 37, (פריהער גובערנאַטאָרסקע). 474

וויכטיג פאַר ה״ה פּריזיערס!

סעלניש בלומען=וואַסערן נור	3.50 אַ קילאָ
וועזשעטאַל	„ 2.00 „
פיקסין צום ראַזירען	„ 7.65 „
בריליאַנטין	„ 3.60 „
פראַנצויזישער לאַקיר	„ 45 גר. אַ דעקאָ

עמפעהלט די פּערפומעריע

M. WOLMAN
12 ZAWDAZKA 12

פאַר אַנגראָסיסטען—ראַבאַט. 431

בעקאַנטמאַכונג.

Polskie Huty Szkła S. A. w Krośnie

מיר זענען מודיע אונזער ג׳ קונדשאַפט, אַז מיר האָבען איבערגעגעבען דעם אויסשליסליכען פערקויף פון אונזערע אויסאַרבייטונגען פאַר דעם ראַיאָן לאָדז און אומגעגענד דער פירמע

H. KRÓL, ŁÓDŹ, OGRODOWA 4, tel. 39-09

און מיר בעטען אונזער געעהרטער קונדשאַפט אין אַלע קויפס-אַנגעלעגענהייטען זיך דירעקט צו ווענדען צו דער אויבענדערמאָהנטער פירמע. אונזערע פאַבריקען אַר- בייטען אויס: טיש-גלאַז, גלאַט, פרעס, קרישטאַלען, פאַר בעלייכטונגס- צוועקען (עלעקטרישע, גאַזאָווע און נאַפט) און צו בוי-צוועקען. מיט אַכטונג

Polskie Huty Szkła S. A. w Krośnie. 412

האַנדווערקער-ראַט, פּאַלודניאָווע 4

זונטאַג, דעם 15 יאַנואַר 8 אָווענד קומט פאָר אין אונזער לאָקאַל דער ערשטער רעפעראַט וועגען דער

געשיכטע פון די צעכען אין פוילען.

געהאַלטען דורך פּראָפעסאָר שאול ריגער.

איינגאַנג פריי! 400

וועהר ס׳האָט וועקסלען פון מיין פירשטאַרבענעם מאַן

לייב שוואַרץ

ע״ה ווערט אויפגע- פאָדערט אין פער- לויף פון דער וואָך ביז צום 20. יאַנואַר 1928 י. זיך מעלדען צו מיר (גדאַנסקע 90). די וועקסלען, וואָס וועלען נישט אָנגע- מעלדעט ווערען ביז צו דעם אָנגעוויזענעם טערמין וועלען פערלירען יעדען ווערט.

גיטע שוואַרץ 448

רייזעקאָפערס

קאָלעקציע = וואַליזען, קאָפערס אויף ווייפראָוועס, דאַמען-טאַשען טעקעס צו די ביליגסטע פּרייזען.

ל. פראַמער, ציגעל-גאַס 38

בעם.: אַלע אַרט רעפּאַראַטורען און בעשטעלונגען ווערען אָנגענומען.

Za Wydawnictwo „Najer Folksblat", spółdz. z odpowiedz. udziałami: Ch. J. Brzustowski i D. Silberberg. Redaktor odpowiedzialny Ch. Kaufman.
Czcionkami i druk. „Najer Folksblat", Piotrkowska 21.